כלל-פארלאג

געזאַמלטע ווערק

ה. ד. נאָמבערג

ערציילונגען

ערשטער באַנד

כלל־פאַרלאַג
בערלין, 1922 תרפ"ב

K L A L - V E R L A G
BERLIN SW 68 / MARKGRAFENSTRASSE 73

Copyright by Klal-Verlag, Berlin, 1922
Gedruckt in der Klal-Druckerei, Berlin

TARTU ÜLIKOOLI
RAAMATUKOGU

אינהאַלט

	זייט
צווישן בערג	9
אין אַ חסידיש הויז	43
אַ קורסיסטקע	73
ראַיאַ־מאַנאָ	151
אַ פלוצלינגנע עלטער	131

צווישן בערג

I

װען מען רעדט װעגן יוגנט און געזונטקײט, שטעלט זיך מיר פֿאַר, װי לעבעדיג, סאָניע, אַ יונגע מאָלערין, װאָס איך האָב קענען געלערנט פֿאַר עטליכע יאָר אין מינכען. קוקנדיג אויף איר, װאָלט קײנעם ניט אײנגעפֿאַלן צו טראַכטן, אַז זי געהערט צו דער קינסטלערישער ראַסע. אַ רויט, פֿול פּנים מיט רונדע ליניען, אַ פעסט געבויטער קערפּער, קרעפֿטיג און שטאַרק; ענערגישע, זעהר לעבעדיגע אויגן; מיט אײן װאָרט, אַ װײב פֿון בלוט און מוסקלען, װאָס האָט װײניג געהאַט אין זיך פֿון דער װײבערישער שװאַכקײט. פֿון װאַנען האָבן זיך גענומען צו דעם באַשעפֿעניש אַזוי פֿיל װײכקײט און פֿאַרחלומקײט, װאָס זי האָט אויסגעדריקט מיט איר פּענזל, — פֿאַר פֿיל איז דאָס געװען אַ רעטעניש. פֿון איר גאַנצן װעזן האָט גערעדט א י י ן טאָן, װאָס האָט אַלע איבעריגע פֿאַרטונקלט; איר געזונטקײט, איר שפּראָצערינע יוגנט, אַן אַנטװיקלטער קערפּער, איבערגעפֿילט מיט קרעפֿטן. ערשט מיט דער צײט האָב איך באַמערקט אין איר פּנים אָריגינעלע ליניען: רויהע, װילדע צונן; באַזונדערס, װען זי האָט גערעדט, פֿלעגט פֿון צײט צו צײט דורכלויפֿן איבער דעם פּנים, שנעל װי אַ בליץ, אַ װילדקײט פֿון אַ בעסטיע, און אין די קאַנטיגע װינקלען פֿון איר הערליכן שטערן האָב איך געפֿונען פֿיל אָנגעבױרענע אינטעליגענץ. דאָס גאַנצע באַשעפֿעניש איז אַלט געװען ניט מער, װי צװאַנציג יאָר, און האָט געהאַט פֿיל טאַלענט. די פּראָפֿעסאָרן האָבן זי גערימט. זי האָט געמאָלט קי, סטאַרעס שעפֿסן, דעם שטילן ים און דעם דרום־הימל (איר פֿאָטער איז געװען אַ אידישער נוט־באַזיצער אין דרום־רוסלאַנד)

מיט פיל ליבע און פרישקייט. דערצו איז זי געווען אַ פרייע נאַטור, אָפנהאַרציג, טיילמאָל ביז גראָבקייט, האָט ליב געהאַט אַלערליי ספּאָרטן, באַוועגונגען, ליכט און לוסטיגקייט. צוויי וואָכן נאָך אונזער באַקאַנטשאַפט בין איך שוין געווען פאַרליבט אין איר ביז איבער די אויערן, און זי מיך האָט אויך ליב געהאַט, אויף יערן פאַל, מער פון אירע אַלע איבעריגע באַקאַנטע.

מיר האָבן נישט פיל געפאָרערט איינער פון אַנדערן, נישט גענומען אונזער פאַרהעלטעניש צו ערנסט און מיר האָבן גע־לעבט גליקליך. קיין ווייכקייטן און צערטליכקייטן האָט זי נישט ליב געהאַט; זי האָט נישט געוואָלט בלייבן פּאַסיוו אַפילו אין איר ליב־האָבן. זי האָט, רוכט זיך, נישט געוואוסט פון שטילער בייגק־שאַפט, פון ציטעריגע געפילן; איר ליירנשאַפט איז זי באַפאַלן ווי אַ שטורעם־ווינט. טיילמאָל, גייענדיג מיט מיר אויף דער גאַס, האָט זי געקאָנט אָננעמען מיין האַנט, דריקן זי פעסט און צוטוליען זיך צו מיר, ווי אַ קינד. אָדער עס האָט געטראָפן, אַז איך בין געזעסן באַ איר ביז שפּעט אין דער נאַכט און איך האָב באַמערקט, ווי זי ווערט אויפגערעגט, ווי אויף איר פּנים לויפן דורך די בליצן פון ווילדקייט. דעמאָלט איז זי פּלוצלינג אויפ־געשטאַנען און געהייסן מיר גיין:

— נו, פּאַק דיך אַהיים. און מאָרגן קום נישט — האָט זי געדערט ענערגיש.

און קושנדיג מיך פאַרן אַוועקגיין, אָנשטאָט אַן ענטפער אויף מיין פּראָטעסט נישט צו קומען, האָט זי מיך צוגעשטופּט צו דער טיר:

— נו, גיי; איך וועל קומען צו דיר, אויב עס וועט זיך מיר ווילן. איצט פּאַק דיך, גיכער!

אין דער זעלבער צייט האָט מיך זעהר פאַראינטערעסירט מיינער אַ באַקאַנטער, אַ אידישער סטודענט פון רוסלאַנד, וואָס האָט זיך האַלב אַסימילירט אין דייטשלאַנד, ש װ אַ ר צ װ אַ ל ד האָט ער געהייסן. ער איז געווען קלוג, זעהר אינטעליגענט, נאָר מיט אַ שוואַכן, לירישן כאַראַקטער; אָרים, פאַרשטויסן און עלנט. אַ צעבראָכענער מענש. איך האָב אים געפרובט צו מאָלן, האָב פיל געאַרבעט איבער זיין פּאָרטרעט, נאָר מיר האָט זיך בשום

אופן נישט איינגעגעבן אויפצוכאַפּן דעם גרונד־טאָן פון דעם פּנים, דאָס, וואָס מיך האָט אייגנטליך דערין אינטערעסירט. דאָס איז געווען אַ קריינקליך מאָגער פּנים, מיט איינגעפאַלענע באַקן, מיט אַן אַרויסגערוקט מויל, מיט אַ לאַנגער אָדלער־נאָז, אַליין פאַר זיך אפשר נישט מאוס און טיפּיש, נאָר פון דעם מאָגערן געזיכט האָט זי אַרויסגעשטאַרט ווי איבעריג. און דאָך האָט דאָס פּנים פאַר־מאָגט עפּעס טיף־סימפּאַטישעס, וואָס האָט צוגעצויגן צו זיך, — דאָס, וואָס איך האָב סוף כּל סוף נישט געקאָנט אויפכאַפּן און אויפמאָלן. אין די ליניען פון זיינע קין־באַקן, אין די קנייטשן, נעבן מויל איז געלעגן אַ מאָרנע אונטערטעניגקייט, אַן אומבאַ־האָלפנקייט, אַ האָפענונגסלאָזיגקייט... ניין, איך דריק מיך נישט ריכטיג אויס. דאָס אַלץ איז געלעגן אין זיינע גראָהע, טיפע, פאַראומעטעטע אויגן; אין די ליניען פון פּנים איז געלעגן עפּעס אַנדערש — אַ הייליגקייט? אויך נישט דאָס, ריכטיגער: אַ שטילקייט און אַ רוהיגקייט; אַ רוהיגקייט פון אַ טויט פּנים. ס'איז גענוג געווען, ער זאָל צומאַכן די אויגן און פאַרוואַרפן אַביסל דעם קאָפּ אַרונטער, אום עס זאָל פאַרשווינדן פון אים יעדער שפּור פון לעבן און באַוועגונג, און ס'זאָל זיך דוכטן, אַז מיר האָבן פאַר זיך אַ טויטן קאָפּ. דער גאַנצער מענש האָט אויסגעזעהן צו זיין געקנאָטן פון ליידן, נאָר אויך די ליידן האָבן נישט מער געלעבט; זיי זיינען געלעגן טויט, פאַרגליווערט אויף זיין פּנים. און טראָץ דעם, איז קיין שאָטן פון פאַרביטערטקייט, קיין צייכן פון גאַל און סאַר־קאַזם נישט געווען צו געפינען אין זיין פּנים!

איך האָב דערציילט סאָניען וועגן אים, און זי איז געקומען אים באַטראַכטן, ווי עפּעס אַן אינדיאַנער פון אַמעריקע. זי איז געקומען, בשעת איך האָב געאַרבעט, און ער האָט פּאָזירט פאַר מיר, און האָט זיך גלייך גענומען אים אַרומקוקן, פון דער נאָהענט, פון אַ פּערספּעקטיוו, פון אַ פּראָפיל, אָהן שום צערעמאָניעס, נישט צו ריידן מיט אים קיין וואָרט. איך האָב מיך אַזוש פאַרשעמט. איך האָב ניט געקאָנט שוואַרצוואַלדן, האָב געקאָנט זיין אַנ־געבאָרענעם שטאָלץ, וועלכן ער האָט געוואוסט אָפּצוהיטן, טראָץ זיין גוטמוטיגקייט. נאָר סאָניע אַליין האָט זיך באַלד געכאַפּט און גענומען זיך פאַרענטפערן פאַר אים:

— אַנטשולדיגט, הער שוואַרצוואַלד, — האָט זי געזאָגט, — וואָס איך דערלויב זיך אייך אַזוי צו באַטראַכטן. אַזוי איז שוין אונזער נאַטור. פאַר אונז עקסיסטירט דאָך ניט קיין זאַך, אויסער דער ליניע און דער פאַרב. נישט וואָר?

איך האָב באַמערקט, אַז זי האָט געמאַכט אַן איינדרוק אויף מיין באַקאַנטן; ער האָט אַפילו נישט געטראַכט צו פילן זיך באַליידיגט און האָט געענטפערט גוטמוטיג:

— וואָר; געוויס.

— און אָט זעהט איר, איך שפּאַר מיך אַלץ מיט אים (זי האָט אָנגעוויזן אויף מיר). ער זאָגט, אַז זעהן די ליניען און די פאַרב איז ניט גענוג; מען מוז נאָך פילן די נשמה פון דער זאַך. צי איז דאָס אַזוי? איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געזעהן קיין נשמה, איך ווייס נישט, וואָס דאָס איז אַזוינס. ווי אַזוי זאָל איך זי פילן? ווי מיינט איר, הער שוואַרצוואַלד? ער האָט מיר געזאָגט, אַז איר זענט קלוג און איר האָט קלאָרע באַגריפן וועגן קונסט.

— אָ! — האָט שוואַרצוואַלד אויסגערופן — איך בין קיין קינסטלער נישט, נאָר אַ סטודענט־פילאָזאָפיע; וועגן קונסט קאָן איך נאָר פילאָזאָפירן; פאַר אַ קינסטלער ווידער איז פילאָזאָפירן גאָר אַן איבעריגע זאַך.

— אָט אַזוי האָב איך ליב, אָט דאָס זאָג איך אויך! איך וויל גאָרנישט וויסן, איך וויל זעהן און מאָלן; זעהן און מאָלן און ווייטער גאָרנישט.

איך האָב מיך אָנגעהויבן שפּאַרן:

— מען מוז דאָך האָבן האַרץ, געפיל; מען מוז דאָך האָבן אַ באַציהונג צו דער זאַך, וואָס מען מאָלט; אַ גייסטיגע פּער־ספּעקטיוו...

און מיר האָבן זיך גענומען שפּאַרן לויט אונזערן געוויינליכן שטייגער.

שוואַרצוואַלד האָט געשוויגן, ער האָט זיך ניט אַזוי פיל איינ־געהערט, ווי צוגעקוקט צו דער יונגער מאָלערין, וואָס איז אַזוי איינגעליבט אין ליניען און פאַרבן. צום סוף האָט ער זיך געשטעלט אויף איר זייט:

— איר ווענט ראַפּלט נישט גערעכט — האָט ער זיך נעווענדעט צו מיר — איינמאָל, וואָס איר שפּאַרט אייך. דאָס לאָזט איבער פּאַר אונז, פילאָזאָפן. א י ר דאַרפט נאָר מאָלן. צווייטנס, זעהן אַ זאַך, זעהן זי קינסטלעריש, הייסט זעהן זי מיט האַרץ ,מיט געפיל, מיט אַ גייסטיגער פּערספּעקטיוו, מיט אַלעם דעם, וואָס איר ווילט. איר שפּאַרט אייך ווענן ווערטער.

מיר האָבן זיך גענומען צוזאַמען באַטראַכטן מיין אַרבעט. זי איז קיינעם נישט געפעלן. מיר — נאָך ווייניגער, ווי זיי ביידן. אויף צו מאָרגנס האָב איך אָנגעהויבן אויף דאָס ניי, און ווידער נישט געענדיגט, ווידער גענומען אים מאָלן אין אַ נייער פּאָזע. פון דעם אַלעם איז אָבער גאָרנישט אַרויסגעקומען.

II

אין דער צייט פון מיין אַרבעט פלעגט סאָניע אָפט אַריינקומען צו מיר. שוואַרצוואַלד פלעגט אָפט מיט מיר אַריינגיין צו סאָניען און פאַרברייינגען מיט אונז צוזאַמען דעם אָוונט. לאַנגווייליגע אָוונטן זיינען דאָס געווען. זיי האָבן זיך געשלעפּט פּאַמעליך און אומעטיג און האָבן איבערגעלאָזט אין האַרץ אַן אומצופרידנקייט, עפּעס אַ שווערע, אומבאַקאַנטע זאָרג. ער אַליין איז געזעסן און געשוויגן. מיר האָבן זיך געשעמט צו ריידן, ווענן וואָס ריידן? פילאָזאָפירן?—אונזערע אידייען אינטערעסירן אים נישט, ער האָט זיי טויזנט מאָל געהערט. פלוידערן? — דאָס איז געווען אוממעגליך; זיין נעגנוואַרט האָט אָנגעוואָרפן אַ טונקלען שאָטן אויף אונזער געמיט. פון זיין גאַנצן וועזן האָט געווייט אַ האָפענונגסלאָזיגקייט, אַ מיסטער אומעט פון שוין לאַנג חרוב־געוואָרענע וועלטן. אין זיין נעגנוואַרט, דוכט זיך, האָט מען געקאָנט טראַכטן און ריידן נאָר ווענן איין זאַך — ווענן טויט.

און אין די לאַנגווייליגע אָוונטן האָב איך זיך צוגעקוקט צו זיין פּנים, האָב שטודירט יערע איינציגע ליניע, יעדן איינציגן קנייטש, יערע באַוועגונג, יערע מינע, יעדן בליק. און גאַנץ גיך

האָב איך אַנטפּלעקט אַ שרעקליכן סוד: דער אָרימער מענש האָט טיף פאַרגעטערט די סאָניע, ער האָט זי געגעסן מיט די אויגן, ער האָט זיך פאַרליבט אין איר, פאַרליבט אומזיניג, מיט דער גאַנצער קראַפט פון זיין האָפענונגסלאָזיגקייט! אַז זי האָט נערערט אָרער איז נעהעגטער צוגעגאַנגען צו אים, האָט זיך זיין געזיכט מאָרנע געענדערט. עס האָט אויסגעזעהן, ווי די פאַר־גליווערטע ליפן זאָלן צעשמאָלצן ווערן; זיי זיינען געוואָרן לעבעדיג, האָבן דערציילט שרעקליכע, האַרצרייסנדע געשיכטעס און האָבן געבעטן, געבעטן... אַך, ווי ווידעריג דאָס פנים איז אין די מאָמענטן געוואָרן! ווי אומבאַהאָלפן, ווי קריינקליך שוואַך, ווי רחמנותדיג און ווי נאַריש: איך האָב פיל מאָל ניט געקאָנט איבערטראָגן און האָב מיר פאַרדעקט מיט די הענט די אויגן. און סאָניע — זי האָט זיך געלאַנגוויילינט. געפילט זיך טרויעריג, מיד און אַפּאַטיש נאָך אַזאַ אָוונט, און דאָך האָט זי נישט געוואוסט קיין וועג אָפּצוהאַקן מיט אים. פאַרקערט: זי האָט אים שטענדיג געבעטן קומען און האָט געהאַט פּרעטענזיעס, אויב ער האָט זיך אַ טאָג צוויי ניט געוויזן.

— זאָג מיר, — האָט זי מיט מיר געטענעט נאָך דעם, ווי ער איז אַרויסגעגאַנגען, צו וואָס לעבט אַזאַ מענש?

איך האָב געשוויגן, נאָר זי איז צוגעשטאַנען צו מיר, פּונקט ווי דאָס וואָלט געווען מיין שולד און מיין לעבן.

— ער גלויבט אין גאָרנישט, ליבט גאָרנישט, האָפט אויף גאָרנישט. אַלץ, אַלץ איז אים גלייך! קיין זאַך אינטערעסירט אים נישט, נישט קיין ביכער, נישט קיין מענש, נישט קיין קונסט — גאָרנישט, ווי אַזוי ושע לעבט ער? זאָג מיר, איך פרעג דיך.

— ער לעבט, ווייל ער לעבט, צו וואָס לעב איך? צו וואָס לעבסט דו?

— איך? איך האָב ליב די קונסט!

זי האָט די ווערטער אַרויסגערערט מיט אַזאַ שטאָלץ און זיכערקייט, אַז זי האָט געקאָנט איבערציינן דעם גרעסטן סקעפּ־טיקער. די קינסטלערין אין איר האָט זיך אָנגערופן און האָט געפינקעלט אין אירע אויגן.

— און אפשר האָט ער אויך װעמען ליב. מען קאָן נישט װיסן — האָב איך באַמערקט קורץ.

זי האָט פאַרשטאַנען דעם װאונק, און אויף אירע ליפּן האָט, אָנשטאָט אַן ענטפער, געשפּילט אַ צופרידענער שמייכל. דאָס איז געװען איר אַרט אַזוי אָפּצוהאַקן אַ געשפּרעך מיט אַ באַזונדערן שמייכל, װאָס האָט באַדעקט איר גאַנץ פּנים און האָט דערציילט פון אַ טיף גליק־געפיל און איינגעליבט זיין אין זיך, װאָס האָט קיין גרעניץ ניט.

און אַזוי זיינען דורך אָװנטן נאָך אָװנטן.

זי האָט זיך געלאַנגװיילינגט מיט אים און האָט אים צוגע־לאַסטשעט; פאַר מיר האָט זי זיך געקלאָגט אויף דעם „שװאַרצן שאָטן" (אַזוי האָט זי אים גערופן), װאָס װאַרפט אָן אַן אומעט אויף איר נשמה, און אים האָט זי געבעטן קומען און האָט נישט אויפ־געהערט צו רייצן זיינע נערװן. זי פלעגט זיך שפּילן מיט זיין האַנט, פלעגט אים הייסן, ער זאָל באַרירן די מוסקלען פון אירע הענט און זעהן ,װי שטאַרק זי איז, און האָט זיך שטייף געשטעלט קעגן אים אין איר יוגנטליכער פרישקייט, אַרויסרוקנדיג איר ברוסט. דער אָרימער מענש האָט זי געפאָלגט, װי אַ קינד.

איך האָב אַלץ נאָך געאַרבעט איבער זיין פּאָרטרעט, כאָטש איך האָב שוין געפילט, אַז דערפון װעט גאָרנישט װערן, מיר איז דערעסן געװאָרן מיין אַרבעט, נאָר אָט איז אַריינגעקומען סאָניע, אין אַ װייס פוטערן היטל, געדרויטלט, קלינגענדיג מיט די גליטש־אייזנס, װאָס זי האָט געהאַלטן אין דער האַנט, און האָט מיט־געבראַכט מיט זיך אין צימער אַריין די פרישקייט און שיינקייט פון פראָסטיגן, זוניגן װינטער־טאָג, צו װעלכן זי איז אַזוי ענליך געװען. שװאַרצװאַלד איז אויפגעשטאַנען איר אַנטקעגן און האָט זי באַגריסט לוסטיג און דרייסט, גאָר נישט װי זיין שטייגער, דאָס איז געװען איינער פון די קריינקליך־לעבהאַפטע מאָמענטן, ענליכע צו דעם פלוצלינגען אויפפלאַקערן פון אַ ליכט, װעלכע זיינען אים באַפאַלן פון צייט צו צייט. ער איז געװאָרן רירעװדיג... פריילין, װי אַ נייער.

— און װאָס איז מיטן פאָרטרעט? — האָט סאָניע געפרעגט.

— ס'װעט גאָרנישט זיין דערפון — האָב איך געענטפערט.

— לאָז, איך װעל פּרובּירן; זעצט אײַך שװאַרצװאַלד.

זי האָט אַראָפּגעװאָרפן פון זיך דעם מאַנטל, האָט גענומען אַ בּלײַשטיפט און געצײכנט עטליכע ליניען, נאָר דאָס איז איר בּאַלד דערעסן געװאָרן, און זי האָט אַװעקגעלעגט די אַרבּעט.

— דאָס איז נישט פאַר מיר — האָט זי געזאָגט.

— נײן, ריסעװעט מיך, איך בּעט אײַך — האָט שװאַרצװאַלד זי געבּעטן. — איר דאַרפט מיך ריסעװען. איך בּין זיכער, אַז אײַך װעט עס געלונגען, אײַך, נאָר אײַך.

— פון װאַנען װײסט איר דאָס? — האָט זי געפרעגט פראָסט.

— איך װײס, איך בּין זיכער. איך פיל דאָס, אין אמתן; ריסעװעט מיך.

בּעטן, אײַנרײדן — דאָס איז ניט געװען אין שװאַרצװאַלדס נאַטור. און ס'איז אויסגעקומען אַזױ מאָדנע, אַזױ אומבּאַקװעם צו הערן אים רײדן אין אַזאַ טאָן.

— נו, לאָזט מיך צו רוה — האָט סאָניע געזאָגט — איך קאָן אַזעלכע פּנימער ניט ריסעװען.

— פאַרװאָס?

— װײַל זײ זײַנען נישט שײן.

שװאַרצװאַלד איז איבּעראַשט געװאָרן פון איר קורצן ענטפער, װאָס איז, דוכט זיך, נישט געװען קײן נײַעס פאַר אים. װיפיל מאָל האָט ער אַלײן פאַר מיר גערעדט מיט פאַראַכטונג װעגן זײַן אויסערליכער אומגעלומפּערטער פּערזאָן! איצט איז ער בּלײַך געװאָרן, זײַן שטימונג האָט זיך פּלוצלינג געענדערט. ער איז געװאָרן שטיל, פאַראומעטעט. און די פאַרגליװערטע לײדן זײַנען געלעגן טויט אויף זײַן פּנים.

מיר האָבּן זיך אַלע געפילט שלעכט, און אַז ער האָט זיך געזעגנט, האָט סאָניע אים געבּעטן קומען, אומבּאַדינגט קומען מאָרגן צו איר, און האָט געשמײכלט צו אים און קאָקעטירט מיט אירע אויגן, גלײַך װי אַלץ װאָלט געװען אין בּעסטער אָרדענונג.

III

„אַ גאָט האָט פאַרלאָזט רעם אָלימפּ און געקומען מיך וועקן:
‚שטיי אויף דו איינגעשלאָפענער מענש, דו פאַרשעמטער, דו אַנטרונענער פון לעבן — ערוואַך!‘

‚וואו איז דיין יוגנט?‘ — פאַרגעסן.
‚וואו איז דיין גליק?‘ — פאַרפלויגן.
‚וואו איז דיין האָפענונג?‘ — געשטאָרבן.

שטיי אויף, שטיי אויף! אַ וויסטער חלום האָט זיך דיר געחלומט.

„פון אַ ווייט לאַנר בין איך געקומען, פאַראומעטעטער מענש! פון אַ לאַנר, וואו דער קוואַל פון לעבן האָט גערוישט און געשפריצט אין די אַלטע פאַרגאַנגענע דורות; פון לאַנר פון דער אייביגער שיינקייט בין איך געקומען — דיך צו וועקן: שטיי אויף!“

„אַ נייער טאָג ווערט געבוירן אויף מורח־זייט; אַ נייע ליכטיגקייט ליגט אויסגעגאָסן אויף טאָלן און בערג, אויף וועלדער און פעלדער, און מיט גין־גאָלרענע ראַנרן באַצירט, ציהען וואָלקנס איבערן הימל אָנצוזאָגן אַ גוטע בשורה דער וועלט און דיר, — דער וויסטער חלום איז פאַרשוואונדן — ערוואַך!“

„די מאָרגן־לופט איז פול מיט פרישע ריחות, לינדע ווינטן בלאָזן און וועקן יערעס גרעזל און בלימל: ‚שטייט אויף! ערוואַכט!‘. לויטערע שטימען פון ריינע גלאָקן ציטערן אין דער לופט; און העלער, העלער ווערט די נייע ליכטיגקייט, און די זון צערייסט איר פורפורנעם שלייער און גייט אַרויס פריש און יונג און ניי־געבאָרן. ערוואַך, פאַרשלאָפענער מענש, וועק רייגע בייזע און גוטע געפילן, וועק דיינע האָפענונגען — די צייט איז געקומען. שטיי אויף!“

„— וואָס וועקט זיך אין מיר? — דיין פאַרשלאָפענע יוגנט.
— וואָס רוישט מיין בלוט? — עס באַגערט גליק און ליבע.

— וואָס בלענרט מיר די אויגן? — ' ריין אויפגערוואַכטע האָפענונג.

— שטיי אויף!“

„אַראָפּגעריסן איז רער שוואַרצער שלייער פון ריינע אויגן און פאַריאָגט געוואָרן איז רער שאָטן פון טויט, לעבן און לוסט ניס איך אין ריינע גלירער, איך — רער גאָט פון ליבע!

— שטיי אויף!“.

ראָס ראָזיגע געריכט, געשריבן אין רייטשע העקזאַמעטרען, האָט געהייסן „די אויפערשטעהונג“. שוואַרצוואַלר האָט עס מיר געבראַכט און דערלאַנגט מיט אַ פאַרשעמטער מינע.

— נאַט, לעזט דורך, אויב ס'איז אייך נישט לאַנגווייליג — האָט ער געזאָגט.

איך האָב עס רורכגעלעזן און האָב געקוקט אויף אים אומבאַשטימט.

— נו, וואָס קוקט איר מיך אָן? ראָס געריכט געפעלט אייך?

— יאָ, געוויס, קלאַסיש, ווי עס פּאַסט פאַר אַ פילאָזאָף. נאָר האָט נישט פאַראיבל, איר זענט, רוכט זיך, פאַרליבט? נישט וואָר?

ער האָט זיך אַביסל פאַרשעמט און געזאָגט שמייכלריג:

— און אַז יאָ, איז וואָס?

— איז גאָרנישט.

ער איז זיך איבערגעגאַנגען עטליכע מאָל איבערן צימער. ס'איז קענטיג געווען, אַז ער וויל עפּעס ריירן מיט מיר. ער איז געווען אין זיין לוסטיגער שטימונג, די אויגן זיינע האָבן געפינקעלט. און פלוצלינג האָט ער זיך צו מיר געווענרט:

— איר ווייסט ראָך געוויס אין וועמען?

— געוויס; אויף יערן פאַל איז זי ראָס ווערט.

— איר זענט אַן אויפריכטיגער מענש? איר זאָגט קיין ליגן נישט?

— רוכט זיך.

— אויב אַזוי, וויל איך, איר זאָלט מיר זאָגן די וואַרהייט, איר זענט אייפערזיכטיג? איך וויל ראָס וויסן.

— וואָס רעדט איר, שוואַרצוואַלד? עס פעלט מיר נישט אײַן. איך פאַרזיכער אײַך; איך בין נישט אײפּערזיכטיג. מײַנע באַציהונגען צו סאָניען זײַנען זעהר נישט ערנסטע, מיר זײַנען צװײ פרײַע פױגלען, אײנמאָל. און צװײטנס, װי זאָל איך אײַך זאָגן...

איך האָב שיער נישט אױסגעזאָגט מײַן געראַנק, אַז אױף װאָס נישט, נאָר אױף דעם געװוּנטן אינסטינקט פון סאָניען קאָן איך מיך פאַרלאָזן. נאָר איך האָב מיך געכאַפּט און ניט גע־ענדיגט די פראַזע, ער האָט דאָס ניט באַמערקט. ער האָט געװאָלט אױסגיסן פאַר מיר זײַן האַרץ:

— איר זענט אַ װאױלער מענש. איך האָב אײַך װאַרהאַפטיג ליב. און װײסט איר: איך בין פאַרליבט, פאַרליבט אָט ביז אַהער (ער האָט אָנגעװיזן אױפן האַלז). איך האָב קײנמאָל אַזאַ געפיל נישט געהאַט. איך קאָן װעגן גאָרנישט טראַכטן, קאָן װעגן גאָרנישט רײדן, װי נאָר װעגן איר. איך בין נישט פײהיג צו לעבן אָהן דעם געראַנק, מײַן בלוט װעט זיך אָהן אים אָפּזאָגן צו שלאָגן אין די אָדערן... איר װעט זאָגן, אַז איך בין אַ נאַר, אַז איך בין דול, נאָר איר פאַרשטײט נישט, איר קאָנט דאָס נישט פאַרשטײן. איר װײסט נישט, װאָס דאָס איז אַזױנס אַפּאַטיע, די טױטע עקסיסטענץ, אָהן אינטערעס, אָהן פרײד, אָהן אַנטציקן, אָהן האָפענונג, אָהן גליק, איך נאָר מיך? גוט! איך װיל נישט מער, װי זײַן געגאַרט. איך װיל האָבן מײַן אילוזיע. איך קאָן מער נישט אױסהאַלטן מײַן אַפּאַטיע, אַזױ קאָן מען לאַנג נישט לעבן...

ער האָט זיך באַלד געזעגנט מיט מיר און איז געגאַנגען אַהײם. זײַן פּנים איז געװען אױפגערעגט, אין די אױגן האָט געפינקעלט אַ קרײנקליך פײַער און אינגאַנצן האָט ער אױף מיר געמאַכט אַן אײַנדרוק פון אַ האַלב־פאַרריקטן.

— נו, דיר דאַרף מען װינשן גליק צו דײַן נײַעם ערפאָלג — האָב איך געזאָגט סאָניען נאָך רעמזעלבן טאָג — שװאַרצװאַלד איז אין דיר פאַרליבט אױף טױט. נאַ, לעז.

איך האָב איר איבערגעגעבן דאָס געריכט, װאָס איך האָב געהאַט גענומען בײַ שװאַרצװאַלדן. זי האָט עס געלעזן און געזאָגט, אַז ס׳געפעלט איר נישט.

— און אַזוי האָסט דו אַ נײַ האַרץ באַוועלטיגט. זײַ שטאָלץ — האָב איך געזאָגט מיט פאָרוואורף.

— און דו ביסט אפשר אײפערזיכטיג? איך בין, דוכט זיך, נאָך פרײַ.

— ווי שעמסט דו דיך ניט צו ריידן אַזוינע רייד? איך — אײפער־זיכטיג! און אויף וועמען?

זי האָט זיך צעלאַכט און געפרעגט:

— ער איז אין אמתן אין מיר פאַרליבט? דו מיינסט?

— פאַרליבט אויף טויט.

זי האָט גאָרנישט געענטפערט, נאָר אויף אירע ליפּן האָט געשפּילט אַ שמייכל — איר שמייכל.

IV

אין מיטן בעסטן ווינטער איז סאָניען אײַנגעפאַלן צו מאַכן אַ שפּאַציר אויף די בערג, און זי האָט מיטגענומען מיט זיך מיך מיט שוואַרצוואַלדן, מיר האָבן זיך אָנגעטאָן, ווי טוריסטן, וואַרעם און לײַכט; סאָניע — אין ווײַסן! אין אַ טריקאָטענער יאַקע, וואָס האָט איר פרישן קערפּער צוגעגעבן נאָך אַ באַזונדערן רייץ, און אין אַ ווײַס פוטערן היטל, וואָס איז געלעגן קאָקעט אויף איר קאָפּ; מ י ר האָבן זיך געקליידעט אין קורצע וואַרעמע טוזשורקעס, אין ברייטע, גענעלטע שיך, אין לאַנגע זאָקן, וואָס האָבן דערגרייכט ביז איבער די קני, און אין טיראָלער היטן מיט אַ פעדער בײַ דער זײַט. די וואָוילערישע קליידונג האָט, דעם אמת זאָגנדיג, ניט זעהר האַרמאָנירט מיט שוואַרצוואַלדס פיגור, נאָר ער האָט זיך געפרייט מיט איר ווי אַ קינד. ווי איך האָב שוין באַמערקט, האָט ער זיך אין דער לעצטער צײַט געענדערט, געוואָרן צײַטנווײַז לוסטיג־אויפגערעגט. דערפאַר איז ער טײלמאָל אַרײַנגעפאַלן אין אַזאַ שווערן אומעט, אַז ער האָט געמאַכט דעם אײַנדרוק פון אַ פאַרריקטן מעלאַנכאָליקער.

נאָך האַלבער נאַכט זיינען מיר אַרויסגעפאָרן פון מינכן און אָנגעקומען קיין קופשטיין פאַרטאָג. קופשטיין איז אַ קליינע שטאָט אויף צפון־טיראָל, האַרט באַ דער בייערישער גרעניץ, אַרומגערינגעלט פון אַלע זייטן מיט בערג; פון איין זייט — מיטן בייערישן הויכלאַנד, פון דער צווייטער — מיט אַ גאַנצער קייט בערג, וואָס טראָגן צוזאַמען דעם נאָמען „קייזער־בערג", און וועלכע שטייען, ווי פאָסטן פאַר די ריזיגע אַלפּן. מיר האָבן אָפּגערוהט אין אַ רעסטאָראַן אַ שעה־צווי, ביז ס'איז טאָג געוואָרן, אָנגעטאָן די זעקלאַך אויף די פּלייצעס, גענומען די לאַנגע שטעקנס אין די הענט און זיינען אַרויס פון שטוב.

די שטאָט איז געלעגן איינגעהילט אין אַ טיפן נעפּל. מיר האָבן אַפילו נישט דערזעהן די הייזער פון דער קעגנאיבערדיגער זייט אין מאַרק, דאָס איז נישט געווען קיין געוויינליכער נעפּל, נאָר אַ דיקע כמאַרע, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין טאָל אַריין פון די בערג און האָט שווער געלוויערט איבער אַלץ און איבער אונז. מענשן האָבן געוואַנדלט אין מיטן דער כמאַרע, ווי שאָטנס, און האָבן אויסגעזעהן צו מאַכן מאָרנע באַוועגונגען. ציטנווייז האָבן זיי זיך פאַרלאָרן און צוריק באַוויזן, אַרויסשווימענדיג פון דעם גראָהען ים, פון דער ערשט אויפגעגאַנגענער זון איז קיין שפּור נישט געווען צו דערקענען. און טראָץ דעם נעפּל, איז געווען גענוג קאַלט, פראָסטיג און גליטשיג, און מיר זיינען געווען נישט אויסגעשלאָפן, מיר האָבן זיך דעריבער געהאַלטן צוזאַמען, ווי אַן איבערגעשראָקענע סטאַדע, צו קאָנען זיך העלפן איינער מיט דעם צווייטנס אַקסלען, אויב מיר וועלן זיך אויסגליטשן. מיר זיינען געגאַנגען שטיל, נישט גערעדט צווישן זיך, און אין האַרצן האָבן מיר באַדויערט, וואָס מיר האָבן געפאָלגט דעם משוגענעם איינפאַל פון סאָניען צו לאָזן זיך אין מיטן ווינטער אין די בערג. סאָניע אַליין, די שטענדיג־פרייליכע, שטענדיג־ענערגישע, איז אויך געגאַנגען שטום, ווי אַ זינדיגע, און זי האָט זיך אין אמתן געמוזט פילן זינדיג; באַזונדערס, קעגן מיר. וואָלטן מיר כאָטש געווען אַליין; זי אָבער האָט ניט אַנדערש געוואָלט, נאָר שוואַרצוואַלד זאָל מיטגיין.

טראָץ דעם נעפּל, זיינען מיר געגאַנגען ביז צום באַרג און האָבן אָנגעהויבן אַרויפצוגיין, מיר זיינען אָפּגעגאַנגען אַ היפּשע צייט, פאַמעליך שלעפּנדיג די פיס, פאַרשלאָפן און פאַרטראַכט. אַז מיר האָבן זיך אויפגעהויבן אויף 2500 — 2000 מעטער הויך, האָבן מיר באַמערקט, אַז דער נעפּל איז פאַרשוואונדן. די לופט איז געווען קלאָר און דורכזיכטיג, כאָטש אַרום זיך האָבן מיר גאָר נישט געקאָנט זעהן. מיר האָבן זיך געפונען צווישן בוימער, פון ביידע זייטן וועג איז געלעגן דער פאַרפרוירענער שניי, און דער וועג אַליין האָט זיך טיף איינגעשניטן אין מיטן, און מיר האָבן אים געזעהן פאַר זיך נאָר איינינע מעטער, ווייל באַלד האָט ער זיך געבויגן און גענומען אין אַ זייט און געפירט אונז מיט זיגזאַגן, ווי אַלע בערג־וועגן.

— נו, ווי פילט איר אייך, גנעדיגעס פריילין? — האָב איך געפרעגט סאָניען מיט נישט ווייניג גאַל.

— זעהר גוט, גנעדיגער הער — האָט זי געענטפערט קאַלט.

— שוואַרצוואַלד! וואו זענט איר? — האָט זי זיך געווענדט צו מיין באַקאַנטן, וואָס איז אַלץ געבליבן הינטערשטעליג הינטער אונז.

— די מינוט! — האָט ער געשריען פון דער ווייטן און האָט גענומען לויפן צו דעריאָגן אונז.

נישט פאַראַן עפּעס ערגערס באַם גיין אין בערג, ווי לויפן און ענדערן דעם טעמפּ פון גאַנג, אַזוי אַרום ווערט מען זעהר גיך מיד. איך האָב אים דאָס באַמערקט, נאָר ער האָט געענטפערט מיט בריהשאַפט:

— עס מאַכט נישט אויס! איך וועל נישט מיר ווערן.

און מיר האָט זיך אין דער מינוט געדוכט, אַז ער איז אין אמתן געוואָרן יונגער און פרישער, אַז זיין שטים קלינגט זיכער און קרעפטיג... „דער גאָט פון אָלימפּ האָט געוועקט און דער־וועקט", האָב איך געטראַכט...

נייענדיג אַזוי, האָבן מיר אָנגעהויבן צו באַמערקן ליכט־פלעקן אין די שאָטנס פון די בוימער, וואָס האָבן זיך אויסגעריסעוועט אויפן שניי. מיר האָבן אויפגעהויבן די אויגן און דורך דעם געפלעכט פון צווייגן האָבן מיר דערזעהן שטיקער בלויען הימל.

אונז אַלע איז מיט אַמאָל געוואָרן פּרייליכער. מיר האָבּן לאַנג שוין נישט געפילט קיין קעלט אין קערפּער, זייענדיג דערוואַרעמט פון אונזער אייגענער באַוועגונג, און מיר האָבּן זיך גענומען ניין מיט מער קוראַזש. אונזער וועג האָט זיך געדרייט און געדרייט, ווי אַ שלאַנג; דערזעלבּער צעטראָטענער שניי פון אונטן, דער־זעלבּער פאַרפרוירענער שניי פון די זייטן און אַזוי אָהן אויפהער. די ליכט־פלעקן און די שטיקער בּלויער הימל זיינען צייטנווייז איינגעאַנצן פאַרשוואונדן. מיר זיינען שוין געהאַט געגאַנגען מער, ווי אַ שעה־צייט, און דער וועג בּיז צום שפּיץ בּאַרג איז געווען אויסגערעכנט אויף 4—5 שעה, אויבּ מען זאָל אין מיטן נישט אָפּרוהען אין אַ רעסטאָראַן! אויפּ יאָ — נאָך מער. אַ לאַנג־ווייליגע פּערספּעקטיוו.

נאָר אָט האָט אונזער וועג זיך שוין אַרויסגעדרייט פון וואַלד; און פּלוצלינג האָבּן מיר זיך געפילט בּאַגאָסן מיט אַ העלער און וואַרעמער ליכטיגקייט; אַ גלאַנצנדיגע, קריסטאַל־לויטערע ווייס־קייט האָט אָנגעשלאָגן אויף אונזערע אויגן פון אַלע זייטן. נאָר אומגעריכטערהייט זיינען מיר אַריבּערגעטראָגן געוואָרן אין אַ נייער, ווייסער, ליכטיגער וועלט אַריין. מיר האָבּן אויפגעהויבּן די אויגן: דער הימל איז געווען קלאָר, אָהן איין וואָלקנדל, און האָט גע־בּלישטשעט און געבּלענדט, ווי אַ געשליפן גלאָז, אַרום איז געווען אַ וועלט פון שניי. ער האָט געפינקעלט אַרום אונז, פון אונטן, פון אויבּן, פון אָפּגרונטן, פון די טיפע פּליינער, פון די שפּיץ בּערג, וואָס האָבּן אונז אַרומגערינגעלט — פון אַלע זייטן. דאָס אויג האָט זיך געפּאָרן אין דער העלער ליכטיגקייט, ווי אין אַ קוואַל פון נחת, און האָט זיך געקוויקט בּיז צו ווייטאָג, בּיז צו טרערן; מיר זיינען געבּליבּן שטיין איבּערראַשט און אַנטציקט.

אונזער וועג האָט איצט געפירט אויפן סאַמע ראַנד פון בּאַרג, און די גאַנצע אומגעגנט אַרום אויף עטליכע מייל האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר אונזערע אויגן. צו־פוסן פון בּאַרג איז געלעגן דער „א י ן־ט אָ ל“, בּאַגרעניצט פון דער צווייטער זייט מיט הויכע בּערג; איבּער דעם טאָל האָט זיך געשלענגעלט דער טייך א י ן, וואָס האָט אויסגעזעהן אויפן פאָן פון ווייסן שניי, ווי אַ שמאָלער, גראָהער פּאַס. אין ווינקל פון טאָל האָבּן מיר דערזעהן די הייזער

פון קופשטײן, צוזאַמענגעוואָרפן אין אײן קופּע און קלײנע, װי קאָרטן־שטיבלאַך. איבער זײ האָט זיך נאָך געטראָגן אַ רינגע פאַרע, װאָס האָט מיט אַ פליגל באַרירט דעם קענגאיבערדיגן באַרג, דאָס איז געװען דער נעפּל, װאָס האָט געלויערט אויף דער שטאָט, װען מיר האָבן זי פאַרלאָזט.

און אַרום זײנען געשטאַנען די בערג פון פאַרשײדענער הײך, פון פאַרשײדענע געשטאַלטן, װי האָבן זיך צונעפּרעסט אײנער צום אַנדערן אָדער געקראָכן אײנער דעם אַנדערן אויף דעם קאַרק. טײל האָבן אויסגעזעהן מוראָדיג מיט זײערע שאַרפע איבער־געריסענע ליניען; טײל זײנען געװען אויסגעגאָסן אין װײכע, פײנע געשטאַלטן, װי אַ שײנער פרויען בוזים. און אַלץ דאָס האָט געבלאַנקט און געפינקעלט, באַדעקט מיט שנײ און באַגאָסן מיט ליכט. אין דער װײט האָבן מיר געזעהן אַ קלײנע גרופּע בערג, מיט דרײ װילדע, הויכע שפּיצן, װאָס האָבן זיך גלײך געצױגן צום הימל. זײ האָבן אַראָפּגעטרײסלט פון זיך דעם שנײ, אַרויסגעװיזן זײער נאַקיטן, גראָהען, פעלזיגן קערפּער און האָבן אויסגעזעהן װי פאַרשאָלטענע ריזן, בײזע און שלעכטע, גרײט אַלץ אומצר־ברײנגען, נאָר זײ זײנען צוגעשמידט צום אָרט מיט נאָך אַ שטאַרקערער מאַכט... מיר האָבן דערקענט דעם „װילדן קײזער". פיל שרעקליכע לעגענדעס, זעהר פּאָפּולערע אין טיראָל, זײנען פאַרקניפּט מיט דעם נאָמען.

— אָ, װי שײן — האָבן מיר אַלע אויסגערופן כמעט מיט אײנמאָל.

שװאַרצװאַלד האָט זיך שיער צעװײנט פון אַנטציקן, די אויגן זײנען אים געװאָרן פײכט, און דאָס מאָגערע קרײנקליכע פּנים האָט געשײנט פאַר נחת, װי דאָס פּנים פון אַ הײליגן.

— נײן, מײנע ליבע! — האָט ער אויסגערופן — עס לוינט צו לעבן און צו לײדן הונדערט יאָר, אום אָט דאָס צו זעהן אײן קורצע װײלע. — זעהט, װאָס פאַר אַן אָפּגרונט דאָ איז: אָט אַזוי זיך אַראָפּװאַרפן און שטאַרבן דאָ אויפן אָרט און באַדעקט װערן מיטן װײסן שנײ, װי אַלץ אַרום!...

מיר האָבן געקוקט אַראָפּ, װאו ער האָט אָנגעװיזן, און מיר האָבן דערזעהן אַ טיפן אָפּגרונט, פון װעלכן אונז האָט אָפּגעטײלט

דער געפּרווירענער שנײ בײַ דער זײַט, אונטן אין דער טיפענײש האָט עפּעס גערוישט און גערירט זיך, דאָס איז געווען אַ בערג־שטראָם, וואָס מיר האָבן ניט געקאָנט דערזעהן. מיר האָבן נאָר באַמערקט אַ לײַכטע פּאַרע, וואָס האָט זיך פאַמעליך געשלעפּט פון די שפּאַלטן און הײלן.

די זון איז געשטאַנען איבער אונזערע קעפּ. ס'איז געווען קענן צוועלף. דער וועג האָט זיך אויף דעם אָרט כּמעט נישט אויפגעהויבן, נאָר געגאַנגען גלײַך, צופירנדיג צו אַ צווייטער אויפ־הויבונג. מיר זײַנען געגאַנגען געלאָסן, קלאַפּנדיג מיט די לאַנגע שטעקנס אָן שנײ, און האָבן ווייניג גערעדט צווישן זיך.

סאָניע האָט אויך געשוויגן. איך האָב נאָר לויט אירע אויגן דערקענט, וואָס פאַר אַן אײַנדרוק די אויסזיכט האָט געמאַכט אויף איר. דער הייטערער, ענערגישער אויסדרוק פון איר פּנים איז איצט פאַרשוואונדן, און איך האָב אין אירע אויגן, אפשר צום ערשטן מאָל, באַמערקט אַ טיפע, פאַרבאַהאַלטענע בײַנק־שאַפט, אַ ווייכע מעלאַנכאָליע. זי האָט זיך פּלוצלינג געוועגדט צו שוואַרצוואַלדן און האָט אים דערלאַנגט איר אָרעם. זיי זײַנען געגאַנגען צוזאַמען, איך — נאָך זיי, נאָך אַ האַלבער שעה גײן זײַנען מיר אָנגעקומען אין דעם רעסטאָראַן, וואָס האָט זיך געפונען אין מיטן וועג. מיר האָבן אויסגעטרונקען צו גלעזער הײסן גליה־ווײַן, געלעגט צוטריקענען אונזערע דורכגעפּרווירענע זאָקן, און מיר האָבן אויסגערוהט און פאַרבראַכט מיט די געסט, וואָס זײַנען אַלע ווײַלע אָנגעקומען פון אויבן און פון אונטן. די שײנע, העלרישע טיראָלער האָבן אונז באַגריסט, ווי גוטע פרײַנט, און האָבן גערעדט מיט אונז אויף זייער רײַטשן דיאַלעקט, וועלכן מיר האָבן נאָר מיט מיה פאַרשטאַנען. דערבײַ האָט יעדער פון זיי געהאַלטן קענטיג פאַר אַ חוב צווענן זיך אַ ווײַלע צו סאָניען און זאָגן איר, אַז זי איז שײן.

— אַ קרעפטיג מאַר'ל — האָט מיר אײנער אַרײַנגערוימט אין אויער, ווינקענדיג מיט די אויגן און צושאָקלענדיג מיט זײַן פּאַט־ריאַרכאַלער, בלאָנדער באָרד.

סאָניע האָט דאָס אויסגעהערט זעהר גוטמוטיג און האָט געשמייכלט, נאָר געשמייכלט.

V

— נו, מאַרש װייטער! — האָט סאָניע אויסגערופן, אויפהויבנדיג זיך פון אָרט, מיר זיינען אויך אויפגעשטאַנען און געמאַכט זיך גרייט אין װייטערן װעג אַריין.

אַ העלע, פרייליכע זון איז װידער געשטאַנען איבער אונזערע קעפ, און די בלאַנקענרינגע װייסקייט האָט אָפּגעװאָרפן אַ שכרות אויף דער נשמה, מיר האָבן נישט געפילט קיין מידקייט, כאָטש מיר זיינען שוין געװען עטליכע שעה אין װעג. די פיס האָבן זיך װי אַליין באַװעגט, מיר האָבן איינגעאָטעמט די פרישע, לייכטע, קריסטאָל־ריינע בערג־לופט, און יעדעס אויפעטעמען און אָפּ־עטעמען האָט פאַרשאַפט אַן אומבאַקאַנט פאַרגעניגן, װידער האָבן זיך באַװיזן די דריי שפּיצן פון „װילדן קייזער“, אָפּגרונטן, טאָלן און פליינער, באַצװיגן אינגאַנצן מיט דעם אומגעריסן שניי. דער פעלזינער קאַרק פון „װילדן קייזער“ האָט געגרויכערט, און אַ קליי־קליין װאָלקנדל האָט זיך געצװיגן פאַמעליך און האָט אויסגעזעהן, װי אַן אומבאַהאָלפן באַשעפעניש, װאָס קלעטערט צו אומגע־לומפערט צו אַ פאַרבאַהאַלטענער געסט ערגעץ אין די שפּאַלטן פון באַרג. װאָס העכער מיר זיינען אַרויפגעקומען, אַלץ נייע שפּיצן האָבן זיך געװיזן, נייע געגנטן, נייע טאָלן און פליינער, און העט־העט װייט האָבן געשימערט אין דער קלאָרער לופט די אַלפּן, לינגרינג אָנגעלענט אויפן הימל; טיילמאָל זיינען זייערע סילועטן שאַרף אַרויסגעטרעטן פאַרן אויג, טיילמאָל האָבן זיי אויסגעזעהן, װי אַ מעננע װאָלקנס, באַגאָסן מיט ליכט, און עס האָט זיך געדוכט, אַז זיי רוקן זיך פאַמעליך, דער „איך־טאָל“, דער טייך, די שטאָט און איר אומגעגנט זיינען אינגאַנצן פאַר־שװאונדן; מיר האָבן זיך געפילט אָפּגעריסן פון יענער װאָכערינער, גראָהער װעלט, װאָס מיר האָבן פאַרלאָזט, דריי מענשן אַליין צװישן בערג און פעלזן און װאָלקנס און שניי. די אומגעװיינליכע מונטערקייט, װאָס איז געװאַקסן אין אונז, האָט זיך געזוכט אַ װעג אַרויס, און מיר האָבן אָנגעהויבן צו זינגען, צו לויפן, צו שרייען. און דאָס װידער־קול האָט אונז אָפּגעענטפערט פון אַלע זייטן.

נאָך מער פֿאַר אונז אַלע איז פֿאַרשכורט געוואָרן שוואַרצוואַלר. זיין לוסטיגקייט האָט זיך אויסגעדריקט אין ווילדע פֿאָרמען. ער האָט געשריען מיט אַ גאָרגלדיגער שטים, אַרויסגערופֿן דאָס ווידער־קול, האָט געזונגען און איז געלאָפֿן אָהן אויפֿהער, זיין פּנים איז געווען גערויטלט, און זיינע אויגן האָבן געבליצט, ווי אַ משוגע־נעמס. מיט סאָניען האָט ער זיך געהאַלטן פֿריי, ווי אַ ברודער, גענומען זי פֿאַר דער האַנט, פֿאַרריכט איר דאָס היטל אויפֿן קאָפּ און נישט אָפּגעטרעטן פֿון איר אויף אַ מינוט. סאָניע האָט געשטיפֿט מיט אים און נאָר פֿון צייט צו צייט האָט זי מיר צו־געוואָרפֿן אַ בליק, גלייך ווי זי וואָלט זאָגן: אָט זעה, וואָס ס׳הייסט ליב האָבן. אַזוי וויל איך, מ׳זאָל מיך ליבן, אַזוי...

אויפֿן וועג האָבן זיך אָנגעהויבן ווייזן פֿוס־גייער, טייל האָבן צוריקגעקערט פֿון אויבן, טייל, קומענדיג פֿון אונטן, האָבן אונז איבערגעיאָגט. נאָר אַזוי ווי דער וועג האָט זיך אַלע ווייליע פֿאַרדרייט אין אַ זייט, זיינען מיר באַלד ווידער געבליבן אַליין. פּלוצלינג האָבן מיר דערהערט אַ מאָרנע רופֿן, וואָס האָט זיך גערוכט צו קומען פֿון אַ זייט: „האָפּ־האָפּ! האָפּ־האָפּ!“ דאָס ווידער־קול האָט אָפּגעענטפֿערט פֿון אַלע זייטן, און איידער נאָך מיר האָבן זיך אָריענטירט, וואָס דאָס איז אַזוינס, איז אויף אונז אָנגעפֿאָרן, אַראָפּגליטשנדיג זיך מיט אימפּעט פֿון שיפֿן וועג, אַ קליין שליטנדל, אויף וועלכן ס׳איז געזעסן אַ מענש, רויט און דערשוויצט פֿון דער שנעלער באַוועגונג... ער האָט קוים געהאַט צייט צו פֿאַרקערעווען דאָס שליטנדל אין אַ זייט מיט דעם שנירל, וואָס ער האָט געהאַלטן אין דער האַנט. דאָס שליטנדל האָט זיך אָנגעשלאָגן אין דעם מויער שניי, דער מענש איז אומ־געפֿאַלן, האָט זיך עטליכע מאָל איבערגעקייקלט אויפֿן וועג. דערנאָך איז ער אויפֿגעשטאַנען ווי קיינמאָל גאָרנישט, און האָט זיך געווענדט צו אונז האַלב מיט פּרעטענזיע, האַלב מיט שמייכל:

— מען דאַרף זיך שטעלן אין אַ זייט. איך האָב דאָך געשריען „האָפּ־האָפּ!“, צי האָט איר נישט געהערט?

מיר האָבן זיך אַנטשולדיגט און געפֿרעגט אים, צי ער האָט זיך גאָרנישט געטאָן. ער האָט אונז דערקלערט, אַז דאָס פֿאַלן

איז לגמרי נישט קיין געפערליכע זאַך. העכסטנס קאָן מען זיך קייקלען ביז צו דעם אָרט, וואו דער וועג פאַרבויגט זיך, און מען שטייט אויף אומבאַשעדיגט. דאָס איז אַ באַזונדער אַרט אַלפּן־ספּאָרט, וואָס מען רופט „ראָדלען". מיר האָבן וועגן דעם געהערט, נאָר געזעהן עס צום ערשטן מאָל, און מיר האָבן זיך נישט ווייניג דערשראָקן, זעהענדיג, ווי דאָס שליטנדל קערט זיך אום אין מיטן אַזאַ גרויסן אימפּעט. דער מענש האָט זיך באַלד צוריקגעזעצט אויפן שליטנדל, וואָס האָט זיך גענומען אַראָפּ־גליטשן און איז באַלד פאַרשוואונדן. באַלד אָבער זיינען אָנגעקומען נייע, און מיר האָבן זיך געשטעלט אין אַ זייט זיי דורכצולאָזן. זיי זיינען דורכגעלאָפן, ווי אַ בליץ, און עס האָט געשווינדלט פאַר די אויגן. אויף אַ טייל פון זיי זיינען געזעסן צו פּאָר פאָלק. אַ געזונט רויט טיראָלער מיידל, אין נאַציאָנאַלער טראַכט, האָט פעסט אַרומגענומען מיט אירע הענט אַ מאַנספּערשוין, וואָס איז געזעסן פאָרענט און האָט געפירט דאָס שליטנדל. דאָס מיידל האָט פאַרוואָרפן דעם קערפּער צוריק, כּדי צו האַלטן דאָס גלייכגעוויכט, און מיט די פיס האָט זי זיך פון צייט צו צייט איינ־געגראָבן אין שניי, כּדי קלענער צו מאַכן די אינערציע. מיר האָבן נאָך נישט געהאַט גענוג צייט, כּדי צו אַנטציקן זיך מיט דער לוסטיגער, מיט גליק שפּראָצנדיגער ערשיינונג, ווי זי איז באַלד פאַרשוואונדן פון אונזערע אויגן, און פון דער הייך האָבן זיך ווידער געלאָזט הערן רופן: „האָפּ־האָפּ! האָפּ־האָפּ!".

— מיר וועלן אַראָפּראָדלען? — האָט זיך סאָניע פּלוצלינג געווענדט צו מיר.

— דו האָסט נישט מורא? — האָב איך געפרעגט.

— וואָס פעלט דיר איין?

— און אויב דו וועסט פאַלן?

— וועל איך מיך אויפהויבן.

איך האָב זי געלויבט פאַר איר מוטיגקייט, און זי איז זעהר צופרידן געווען פון קאָמפּלימענט, זי האָט מיר צוגעוואָרפן אַ ליבליכן בליק, האָט מיר פעסט געדריקט די האַנט און האָט געזאָגט:

— איך מוז מיך צוריקקערן צו מיין קאַוואַליער. דער „שוואַרצער שאָטן“ וועט בײַנקען נאָך מיר. ער איז היינט אַזוי אינטערעסאַנט: דו ביסט אייפערזיכטיג?

— ניין.

— מיר וועלן אַראָפּראָדלען צוזאַמען אויף איין שליטנרל?

— אויב דו ווילסט.

— גוט. — זי האָט מיר נאָך אַמאָל געדריקט די האַנט און איז צוריקגעגאַנגען צו שוואַרצוואַלדן.

אונז האָט דעריאָגט אַ פּוסנייער, אַ הויכער, ברייט געוואַקסענער טיראָלער, מיט דעם פּאַטריאַרכאַלן געזיכט און בלאָנדער באָרד — דערזעלבער, וואָס האָט מיר איינגערוימט אין אויער: „אַ קרעפטיג מאַר'ל“. צוליב אונז איז ער געגאַנגען פּאַמעליכער, און מיר האָבן מיט אים גערעדט פון די בערג, פון די לאַווינעס, פון דעם בערג־לעבן. ער איז געווען שטאָלץ מיט זיין לאַנד און מיט איר שיינער נאַטור. ער האָט אונז פאַרציילט, אַז אין דעם רעסטאָראַן אויבן פייערט עפּעס אַ פאַראיין זיין פעסט, ער אַליין געהערט צו דעם פאַראיין; אַז שלאָפן אויבן וועם געוויס נישט זיין וואו, און מיר וועלן געוויס מוזן אַראָפּראָדלען צום אונטערשטן רעסטאָראַן. ער האָט אונז דערקלערט, אַז ס'איז אַבסאָלוט קיין שום געפאַר נישט. פאַרבלאָנדזשען איז אוממעגליך. דער וועג האַלט אונז שטענדיג איינגעשפּאַרט צווישן צוויי מויערן. נאָר אויף איין אָרט, וואו דער שנייִ איז נידעריג און דער וועג גייט האַרט נעבן אָפּגרונט, דאַרף אַן אומגעניטער מענש זיין פאָרזיכטיג. ער האָט אונז געראָטן דורכצוגיין דאָס אָרט צופוס, ווייל פאַר עטליכע יאָר האָט דאָ פּאַסירט אַן אומגליק.

גאַנץ גיך זיינען מיר אָנגעקומען צו דעם אָרט. דער טיראָלער האָט אַוועקגעשאַרט דעם שנייִ פון וואַנט, און מיר האָבן געזעהן פאַר זיך אַ שטיין, אויף וועלכן עס איז געווען אויסגעקריצט דער נאָמען פון דעם אומגליקליכן, וואָס איז דאָ אַראָפּגעפאַלן, און דער טאָג, ווען דאָס איז געשען.

מיר האָבן אַראָפּגעקוקט אַרונטער, און אונז האָט געשווינדלט פאַר די אויגן פון גרויסער טיפעניש. עפּעס אַן אינסטינקטיווער פחד איז אָנגעפאַלן אויף דער נשמה, קוקנדיג אין דעם אָפּגרונט

אַריין, אַפילו די ווייסקייט פון שניי האָט קוים אָפּגעשלאָגן פון ראָרט. נעהענטער צו אונז האָבן פון אַלע זייטן אַרויסגעשטאַרט פעלזן. דאָס איז געווען די „טייפלס־היילע", וואָס איז געווען באַצייכנט אויף אונזער קאַרטע, אַ ווּסטער שרעקליכער אָפּגרונט, וואָס איז כּמעט אומצוגענגליך. ס׳איז פאַראַן אַהין עפּעס אַ וועג פון יענער זייט באַרג — האָט אונז דער טיראָלער דערקלערט — אָט דער וועג איז איצט פאַרווייט. זומער קומט מען אַהין צו, און אין מיטן העלן טאָג איז דאָרט פינסטערליך.

— און ווי טיף איז דאָ? — האָט איינער פון אונז געפרעגט.

דער טיראָלער, אָנשטאָט צו ענטפערן, האָט אָנגענומען אַ פולע האַנט שניי, אים צוזאַמענגעפרעסט און אַראָפּגעוואָרפן. ער האָט צוגעבויגן דעם אויער און ס׳זיינען דורך עטליכע סעקונדעס ביז דער קלאַפּ האָט זיך דערהערט.

— איבער צוויי הונדערט מעטער — האָט ער געענטפערט.

אונז האָט אָנגעהויבן אַביסל קאַלט צו ווערן, עס האָט גענומען בלאָזן אַ פראָסטיגער, שניידיגער ווינט, דער הימל איז געוואָרן מאַט, אין דער לופט איז געלעגן אַ טונקלקייט. עס האָט אויסגעזעהן, ווי אין מיטן בעסטן לייכטן איז די זון געוואָרן איבערשראָקן און פאַרציטערט. פון דער ווייטן האָבן זיך פון צייט צו צייט געהערט משונהדיגע קלעפּ, ווי מען וואָלט האַקן בּוימער אין וואַלד. טיילמאָל האָט זיך אונז געדוכט, אַז אַ געוויטער קומט אָן, און די דונערן קייקלען זיך דאָרט, אונטערן באַרג. באַלד האָט זיך דער הימל אינגאַנצן פאַרצויגן, און דער ווינט האָט געבלאָזן אין פּנים אַריין מיט שטיקער געפרוירענעם שניי. דאָס איז געגאַנגען אַ שניי־לאַווינע איבערן „ווילדן קייזער", און דער ווינט האָט אַהער פאַרטראָגן אַ מאַסע שניי, וואָס האָט באַדעקט דעם הימל.

— דאָס געדויערט נישט לאַנג — האָט אונז דער טיראָלער געטרייסט: דאָ גייט קיין לאַווינע נישט. — און דערבּיי האָט ער אונז געלערנט, וואָס צו טון, אַז אַ לאַווינע טרעפט.

— מען דאַרף אָט אַזוי טון.

ער האָט אויפגעהויבן די הענט און גענומען מיט די פיס ציהען זיך אין דער הייך.

— שווימען, אָט אַזוי — האָט ער געוויזן — אַרויסשווימען פון שניי. — ער האָט אונז געגעבן די עצה און אַליין האָט ער אונז פאַרלאָזט. מיר האָבן אים באַלד פאַרלוירן פון אויג. מיר זיינען געוואָרן אומרוהיג און געוואַרט אויף אַ לאַווינע שניי, וואָס וועט קומען אונז באַגראָבן לעבעדיגערהייט אונטער זיך. ווי שרעקליך דאָס מוז זיין, דערשטיקט צו ווערן ביסלעכווייז אונטער דער ווייסער מאַסע! דאָס איז אַ לאַנגער שרעקליכער טויט. עס טרעפט, אַז פאַרפאַלענע טוריסטן מוטשען זיך אַזוי מיטן טויט גאַנצע פיר און צוואַנציג שעה. און פאַרוואָס האָט ער אונז פאַרלאָזט? — האָבן מיר געטראַכט — געוויס געוואָלט זיך אַליין ראַטעווען, זעהענדיג, אַז מיר קאָנען נישט נאָכאיילן נאָך אים! „שווימען, אָט אַזוי“ . . . — האָבן מיר געחזרט אין געדאַנק. און דער שניי, וואָס האָט אונז ערשט נישט לאַנג אַזוי אַנטציקט מיט זיין קלאָרקייט, וואָס האָט געקוויקט דאָס אויג און געגאָסן שטראָמען לוסטיגקייט אין דער נשמה — דערזועלבער שניי איז אונז איצט פאָרגעקומען, ווי אַ שרעקליכע, גראָהע, כאַאָטישע מאַסע, באַשאַפן נאָר צום פאַרדערבן.

אונזער שרעק האָט אָבער נישט לאַנג געדויערט. די שניי־מאַסע האָט זיך דורכגעטראָגן. עס זיינען נישט אַריבער קיין גאַנצע צען מינוטן, און מיר האָבן ווידער געהאַט איבער זיך אַ קלאָרן הימל, אַ בלאַנקענדיגן, ווי אַ געשליפענע גלאָז, און די זון האָט געשאָטן מיט וואַרעמע שטראַלן; דער שניי האָט געבליצט און געבלענדט, און אונזער לוסטיגקייט האָט זיך צוריקגעקערט צו אונז מיט נאָך אַ טאָפּעלטער קראַפט. גאַנץ גיך האָט די לוסטיגקייט דערגרייכט אַ גראַד פון עכטן שיכּרות. מיר האָבן זיך אין מיטן וועג אַנידערגעזעצט אויפן שניי און גענומען זינגען עפּעס אַ ליד מיט אַ שאַלנדיגער שטים. אָפּגעריסן פון דער אונטערשטער וועלט, האָבן מיר זיך געפילט באַפרייט פון אירע קייטן. שוואַרצוואַלד איז געוואָרן מיט אונז אויף „דו“, און מיר ביידע האָבן זיך דערלויבט מיט סאָניען זעהר פיל. מיר האָבן זי געקושט, געפירט זי פון ביידע זייטן אונטער די אָרעמס, ווי די סאַטירן די געפאַנגענע פייע אין רובענסעס אַ בילד. זי האָט זיך געריסן פון אונזערע הענט און אונז מיט־

גנשלעפּט פּאַראויס און פלוצלינג האָט זי זיך אַנידערגעוואָרפן אויפן שניי און האָט זיך צעלאַכט, אַז ס׳האָט געהילכט אַרום.

דער פעלזיגער קאַרק פון „ווילדן קייזער״ האָט אַלץ געררויכערט, דער וואָלקן איז געוואָרן אַלץ גרעסער און גרעסער און האָט זיך אַראָפּגעלאָזט נידעריגער. ער האָט זיך גענומען לייגן אויף די שפּיצן בערג, וואָס מיר האָבן שוין געהאַט אונטער זיך, אַז מיר זיינען אָנגעקומען צו אונזער ציל, צו אַ רעסטאָראַן, וואָס האָט זיך געפונען אויף אַ הייך פון צוויי טויזנט פינף הונדערט מעטער, איז שוין אַ געדיכטער וואָלקן געלעגן אונז צופוסן און האָט באַדעקט אונטער זיך אַלע שפּיצן, אָפּגרונטן און פליינער. נאָר העכער פון אונז האָבן געבלישטשעט אין זייערע ווייסע מאַנטלען די בערג, באַגאָסן מיט דעם ליבליכן שיין פון דער אָוונט־זון.

VI

מיר האָבן שוין געהאַט אָפּגערוהט, אָפּגעגעסן, און אַ ווייסע מירקייט איז געווען אויסגעגאָסן אין אַלע אונזערע גלידער, די מירקייט איז דאָ געווען אַנדערש, ווי אַלץ אַרום. זי האָט נישט גענווינט צו שלאָפן, נאָר וואָך צו זיין, צו הערן און צו זעהן און צו רירן זיך. נאָר מיט שוואַרצוואַלדן איז געשען אַן איבער־קערעניש. ער איז אַריינגעפאַלן אין זיין שווערן אומעט, געזעסן באַם טיש, אָנגעשפּאַרט אויף אַ האַנט, און האָט געגלאָצט מיט זיינע פינסטערע אויגן, נישט צו ריירן קיין וואָרט. מיר האָבן אים געלאָזט זיצן און זיינען אַרויס פון רעסטאָראַן צו זעהן, ווי די זון גייט דאָ אונטער אין דער וועלט.

דער וואָלקן, וואָס איז געלעגן אונטער אונז, האָט זיך גענומען רויטלען. ערטערווייז, דאָרט, וואו די זון האָט זיך צוגעלאָזט, זיינען געלעגן פורפורנע פּאַסן; באַלד איז דער פּורפּור געוואָרן פייערדיג־רויט, און עס האָט זיך געדוכט, אַז די געדיכטע מאַסע האָט זיך אָנגעצונדן און פלאַקערט. נעהענטער צו אונז איז

דער װאָלקן געװען טונקל און איבערגעצויגן מיט אַ לייכטער װיאָלעט־פאַרב. די טעמפּעראַטור איז ראַש געפאַלן. אַלע ענדער־רונגען זיינען דאָ פאָרגעקומען מיט אַן אומגעװיינליכער שנעלקייט. אויף דעם װאָלקן האָט זיך אָנגעהויבן אַ שפּיל פון פאַרבן, װאָס האָבן זיך געביטן פון מינוט צו מינוט, טונקעלער און העלער געװאָרן. עס האָט אויסגעזעהן, װי לייכטע שאָטנס פון ראָזע, רויט, פּורפּור און װיאָלעט, זאָלן ציהען אַהין און צוריק, בייטן די ערטער און אַװעקשטויסן איינער דעם צװייטן. די זון איז אָנגעקומען נעהענטער און האָט זיך גענומען טונקען אין דעם װאָלקן, גלייך װי זי װאָלט זיך װעלן אויסבאָדן אין דעם ים פון די פאַרבן. אַרום האָבן אַרויסגעשטאַרט די בערג און האָבן שטיל און ערנסט זיך צוגעקוקט, װי צו אַ הייליגער צערעמאָניע. זייערע שפּיצן זיינען נאָך געװען העל באַלויכטן, און עס האָט זיך גערוכט, אַז זיי באַװאונדערן אָט דעם װאָלקן, װאָס איז אויסגעהאָרעװעט אין זייערע שפּאַלטן און האָט זיך געלאָזט אין דער װעלט אַריין, און האָט זיך פאַרשפּרייט און צעלעגט, און שלינגט איצט איין די זון.

באַלד איז פאַרשװאונדן געװאָרן די לעצטע רייף פון דער זון, און די שפּיצן פון די בערג האָבן אַלץ נאָך געפינקעלט און געלויכטן. דער װאָלקן אונטן איז מיט אַמאָל טונקל געװאָרן, און נאָר אויף דעם אָרט, װאו די זון איז אונטערגעגאַנגען האָט אַלץ געברענט אַ פייער, גלייך װי אונטער אים װאָלטן גליהען פייערדיגע קוילן.

מיר זיינען געשטאַנען אין צװייען: איך און סאָניע. זי איז געװען אָנגעלעגט אויף מיין אַקסל, און מיר האָבן געשװיגן. עס איז געװאָרן טרויעריג־טונקל, פראָסטיג, די פאַרבן זיינען אויסגעלאָשן געװאָרן, און דער װאָלקן האָט גענומען װערן גראָהליך־שװאַרץ. נאָר אויף די שפּיצן פון די בערג זיינען נאָך אַלץ געלעגן ראָזע שאָטנס. גלייך הינטער אונזערע אַקסלען איז געלעגן דער קײלעכדיגער שפּיץ פון אונזער באַרג. מיר האָבן זיך אומגעקוקט און ניט געגלויבט די איינענע אויגן. ער איז געװען איינגאַנצן אײנגעהילט אין אַ פאַרביגן מאַנטל, װאָס זיין קאָליר איז ניט מעגליך צו באַצייכענען מיט װערטער. דאָס איז געװען אַן אַרט ראָזע, געמישט מיט װיאָלעט, צאַרט און װייך, װי

די פאַרבן, וואָס מיר זעהען נאָר אין חלום. און ווייטער, ווייטער, וואו נאָר דאָס אויג האָט דערגרייכט, האָבן געגליהט אין דער רעמערונג די שפּיצן פון די אַלפּן, און עס האָט זיך געדוכט, אַז זיי זינגען אַ שטילע מעלאָדיע אַלע אין איין כאָר און אַז אין דער טונקעלער לופט ציטערט דאָס געזאַנג און ווערט פאַרלאָרן...

סאָניע האָט זיך צוגעטוליעט צו מיר, איך האָב דערפילט, איר בוזים פרעסט זיך צו צו מיין קערפּער, זי האָט אַרומגעוויקלט איר האַנט אַרום מיין האַלז און האָט מיך געקושט. נעבן אונז זיינען געשטאַנען מענשן: נישט זיי איז איינגעפאַלן צו שמייכלען, נישט אונז צו שעמען זיך. אונזער פּאָזע איז געווען אַזוי איינפאַך און פאַרשטענדליך, ווי די גאַנצע שיינע וועלט אַרום. פּלוצלינג האָבן מיר דערזעהן שוואַרצוואַלדן, ער איז געשטאַנען און געגלאָצט אויף אונז, און זיין אָרלער־נאָז האָט מאָרנע אַרויסגעשטאַרט. ער האָט געציטערט פון קעלט... אָך, ווי שרעקליך זיין פּנים איז געווען! אַזוי זעהען אויס נאָר מענשן, ווען מיר זעהען זיי צום לעצטן מאָל, איידער דער טויט בענשט זיי מיט זיין רוהיגקייט. איך האָב געלאָזט סאָניען און צוגעגאַנגען צו אים.

— אייך איז קאַלט? — האָב איך געפרעגט.

ער האָט געשוויגן.

— מיר וועלן זיך באַלד דערוואַרעמען. דאָ איז נישטאָ וואו צו שלאָפן.

— יאָ — האָט ער אונטערגעבּרומט אומבאַשטימט.

מיר האָבן גענומען צוויי שליטנדלאַך: איינס פאַר שוואַרצוואַלדן, דאָס צווייטע פאַר מיר מיט סאָניען צוזאַמען. זי איז געווען לוסטיג, האָט מיר געקלאַפּט אויפן אַקסל און געלאַכט און געשטיפט. מיט שוואַרצוואַלדן האָט זי זיך געוויצלט, רופנדיג אים אַלע ווייל „שוואַרצער שאָטן“.

— שוואַרצער שאָטן, איר האָט נישט קיין מוראָ?

— איך וויים נישט.

— איר זענט געוואָרן אַ לאַנגווייליגער נאַר.

ער האָט נישט געענטפערט, נאָר זי האָט אים נישט געלאָזט צורוה. איר איז געווען לוסטיג אויפן האַרצן, זי איז געווען פול מיט איינדריקן, און דאָ איז נאָך פאָרגעשטאַנען אַזאַ רייזע

אין מיטן דער נאַכט אויף אַ שליטנדל, וואָס פליהט שנעל באַרג־אַראָפּ, און צוזאַמען מיט מיר, ווי די טיראָלער מיידלאַך מיט ווייערע אויסרערווײלטע. איר האָט זיך געוואָלט רייזן און רייצן שוואַרצוואַלדן.

— אייך איז קאַלט, שוואַרצוואַלד? — האָט זי אים נעפרענט.

— אַביסל.

— און וואָס וועט איר טון, אַז איר וועט פאַלן?

ער האָט ווידער געשוויגן.

זי איז שוין געזעסן אויפן שליטנדל הינטער מיר, איך האָב מיך אומגעקערט און געלעגט די האַנט אויפן מויל. „שווייג! נענוג!" — האָב איך איר איינגערוימט. זי האָט זיך הויך צעלאַכט.

— מיר הייבן אָן, — האָב איך געקאָמאַנדעוועט — שוואַרצוואַלד, איר האַלט אייך נישט צו נאָהענט צו אונז, אַז מיר וועלן פאַלן, ברעמזט און האַלט איין דאָס שליטנדל, אויב איר ווילט נישט פאַלן אויף אונז אַרויף. נו, איינס, צוויי, דריי — מאַרש!

סאָניע האָט מיך פעסט אַרומגענומען מיט די הענט, און דאָס שליטנדל האָט זיך אָנגעהויבן פאַמעליך צו גליטשן.

— גיט אַכטונג! — האָב איך נאָכגעשריען שוואַרצוואַלדן — אַז דער וועג נייט רעכטס, ברעמזן מיטן רעכטן פוס, לינקס — מיטן לינקען.

— און אויב איר וועט פאַלן, פאַרגעסט אייך נישט אויפצוהויבן! — האָט סאָניע צוגעשריען.

ס'איז שוין געווען איננאַנצן פינסטער. דער הימל איז געווען טונקל און אויסגעזעצט מיט בלאַנקע שטערן. די בערג זיינען געווען איינגעהילט אין גראָהע מאַנטלען, און עס האָט זיך גע־דוכט, אַז זיי דרעמלען אין זיי. נאָר די שטערן אויבן האָבן געפינקעלט לוסטיג און פריילין און זיינען געלאָפן נאָך אונז אויף אונזער וועג. מיר האָבן זיך באַוועגט אין אָנהויב פאַמעליך און פאָרזיכטיג, ברעמזנדיג מיט די פיס אָהן אויפהער. ביסלעכ־ווייז האָבן מיר זיך צונעוויינט. מיר האָבן געלאָזט פריי אויף אַ מינוט דאָס שליטנדל, און עס האָט גענומען לויפן מיט אימפעט. אונז איז מיט אַמאָל וואַרעם געוואָרן. און פלוצלינג, באַ דער

ערשטער בוינונג פון װעג — בוך! אונזער שליטנדל האָט זיך אָנגעשלאָגן אָן דער װאַנט שניי, האָט אונז אַראָפּגעװאָרפן, און אַליין װייטער געלאָפן, פאַרהאַלטנדיג זיך ערשט בײַ דער צװייטער בוינונג. מיר האָבן זיך עטליכע מאָל אויסגעקייקלט אין שניי, איך אויף סאָניען, סאָניע אויף מיר, און איידער נאָך מיר האָבן צײַט געהאַט צו לאַכן און איבערצייגן זיך, אַז מיר זיינען גאַנץ — בוך אויף ראָס ניי! שװאַרצװאַלד איז אָנגעפאָרן אויף אונז מיט זיין שליטנדל, אַליין זיך אומגעקערט, און מיר אַלע דריי האָבן זיך צוזאַמענגעקוליעט אין שניי איינער איבערן אַנדערן. סאָניע האָט זיך אויפגעהויבן די ערשטע און האָט זיך צעלאַכט הויך און געזונט.

מיר האָבן זיך באַלד צוריקגעזעצט אין די שליטנדלאַך, װידער אַמאָל געפאַלן, נאָר גאַנץ גיך האָבן מיר זיך אויסגעלערנט ריכטיג צו ברעמזן, און אונזער רייזע איז געגאַנגען פריילעך און גליקליך. אונז איז אויסגעקומען נאָר אַלע װײַלע צו װאַרטן אויף שװאַרצ־װאַלדן, װאָס איז אָפּגעשטאַנען.

— האָפּ־האָפּ! — האָבן מיר געשריען פון דער װײַטן — שװאַרצװאַלד, װאו זענט איר?

— דאָ! — האָט אונז אָפּגעענטפערט אַ שטים פון דער װײַטן, מיר האָבן אים אַלץ נישט געזעהן פאַר די אויגן.

איך און סאָניע האָבן מיר זיך געטוישט מיט די ערטער. איר האָט זיך געװאָלט זיין דער פירער, איך האָב זי אַרומגענומען פאַר דער טאַליע, און גאַנץ גיך האָט זי געלאָזט ראָס שליטנדל לויפן מיט אַן אומגעהויערן אימפעט. דער װעג האָט זיך אַלע װײַלע געבויגן, און מיר, אויף גאָרנישט אַכטנדיג, זיינען דורכ־געפלויגן איין בויגונג נאָך דער צװייטער. שװאַרצװאַלדן האָבן מיר שוין לאַנג ניט געהערט הינטער זיך, פּלוצלינג האָב איך מיך דערמאָנט אָן דער „טײַפלס־הײַלע“ און האָב פאַרהאַלטן מיט די פיס ראָס שליטנדל.

— דאָ מוז מען זיין צופוס — האָב איך געזאָגט.

עס האָט זיך אָבער אַרויסגעװיזן, אַז די „טײַפלס־הײַלע“ זיינען מיר שוין דורכגעפלויגן אין אימפעט. מיר האָבן גאָר קיין באַגריף נישט געהאַט פון דער שנעלקייט, װאָס מיר האָבן דער־

גרייכט. נאָך פערציג מינוט — און מיר קומען גליקליך אָן אין אונטערשטן רעסטאָראַן. מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט און געװאַרט אויף שװאַרצװאַלדן.

— האָפּ־האָפּ! האָפּ־האָפּ! — האָבן מיר געשריען — שװאַרצ־װאַלד! שװאַרצװאַלד!

קיין ענטפער איז נישט געװען. נאָר אַ װידער־קול האָט זיך אָפּגערופן פון אַלע זייטן, און די שטערן האָבן געװאונקען פון אויבן.

— שװאַרצװאַלד! װאו זענט איר? — האָב איך גענומען שרייען נאָך העכער, און מיין שטים האָט געציטערט. איך האָב פאַר־אויס געפילט אַן אומגליק. אַן אינערליכע שרעק האָט געגאָגט דאָס האַרץ.

מיר זיינען צוריקגעגאַנגען אים זוכן.

לאַנג האָט דאָס געדויערט, און די שרעק איז געװאַקסן מיט יעדן טריט אין אונזערע הערצער. מיר האָבן מורא געהאַט צו ריידן, צו צוגיין נעהעגטער איינער צום אַנדערן. מיר האָבן שוין לאַנג אויפגעהערט צו רופן „שװאַרצװאַלד“. דאָס װאָרט אַליין האָט בּאַקומען אַ שרעקליכע בּאַדייטונג און האָט געמאַכט ציטערן יעדערן נערװ, און מיר זיינען געגאַנגען בּאַזונדער, יעדערער מיט זיין שרעק, און שװייגנדיג געזוכט, צום סוף האָבן מיר געפונען זיין שליטנדל שטיין אויפן מיטן װעג. שװאַרצװאַלד איז אין ערגעץ נישט געװען.

מיר האָבן װידער גענומען רופן, שרייען, זוכן — אומזיסט!

— װאָס קאָן דאָס זיין? — האָט מיך סאָניע געפרעגט, און איר ציטערדיגע שטים האָט געקלונגען בּייז און אויפגערעגט...

— איך האָב מורא, ער איז אַראָפּגעפאַלן — האָב איך געזאָגט.

— אַראָפּגעפאַלן?! — זי האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַרן קאָפּ און האָט אָנגעהויבן שרייען מיט אַ װילד קול:

— רעטונג! רעטונג! רעטונג!

איך האָב אויך גענומען שרייען, און אַרום און אַרום האָט געהילכט פון אונזערע קולות. אַפילו די בּערג, דוכט זיך, האָבן מיטגעציטערט מיט אונז פאַר שרעק.

איך האָב געפּרובט אָנצינדן איין שװעבעלע נאָך דעם אַנדערן; דער װינט האָט זיי אויסגעלאָשן, און מיינע הענט האָבן דערצו נעציטערט. דאָס איז געװען אַ משונענע אידייע, װאָס מיר האָט זיך געװאָלט: אַראָפּצולייכטן אין אָפּגרונט אַריין פון צװיי הונדערט מעטער מיט אַ שװעבעלע. איך האָב מיך אַריבערגעבוינן און אַליין שיער ניט געפאַלן, און סאָניע האָט אַלץ געשריען און געשריען.

ס׳זיינען אָנגעקומען מענשן פון אויבן, זיי האָבן דערהערט אונזערע געשרייען און האָבן אַראָפּגעראָדלט מיט אַ לאַמטערן. אַלץ איז באַלד קלאָר געװאָרן. די מויער פון שניי איז אויף איין אָרט געװען איינגעקװעטשט. פון דעם אָרט איז ער אַראָפּגעפאַלן. העלפן איז געװען אוממעגליך. באַנאַכט קאָן מען דאָרט נישט צוקומען, און דאָס װאָלט אויך איבעריג געװען. אַראָפּפאַלנדיג פון אַזאַ הייך איז אוממעגליך געװען, ער זאָל נישט בלייבן טויט אויף דער שטעל...

VII

אָט אַזוי איז אונזער חבר אומגעקומען אין די בערג!

מיר זיינען אַראָפּגעקומען אונטן, אין רעסטאָראַן אַריין, געפרוירן, טויט־מיד און צעבראָכן. מיר האָבן אַלץ נישט געקאָנט פאַרלאָזן דאָס אָרט, װאו דאָס אומגליק איז געשען. עס האָט זיך געדוכט, אַז דער טויטער, נאָר נאָך װאַרעמער קערפּער פון דעם אָרימען מענשן ליגט אָט נעבן אונז, און מיר דאַרפן נאָר די הענט אויסשטרעקן, כּדי אים צו באַרירן. און אפשר? װער װייס? אפשר לעבט ער דאָרט און בעט הילף?! מיר האָבן זיך לאַנג געדרייט אויף דעם אָרט אַהין און צוריק. אונז האָט געדראָט די געפאַר צו פאַרפרירן דאָ. צום סוף האָט אונז דער אינסטינקט פון לעבן געפירט אַראָפּ, װאו מיר האָבן גענומען אַ נומער אין רעסטאָראַן איבערצונעכטיגן. סאָניע האָט זיך ניט אויסגעטאָן, זי איז נאָר געזעסן אויפן בעט אָנגעלענט מיטן קאָפּ אויף מיין

אַקסל. מיר האָט זיך געדוכט, אַז זי איז איינגעשלאָפן אַזוי. נאָר מיט איינמאָל האָט זי אָנגעהויבן צו שלוכצן און צו װיינען הויך און העפטיג, און גרויסע טרערן, װי טראָפּן רעגן, זיינען געפאַלן פון אירע אויגן. זי האָט געװיינט לאַנג, און אין דעם װיינען אירן איז געװען אַזוי פיל געזונטקייט און פרישקייט, װי אין איר לאַכן, װי אין איר ריידן, װי אין איר גאַנצן װעזן, אַזוי װיינען מענשן גליקליכע, װען זיי דאַרפן אָפּװאַשן פון דער נשמה עפּעס אַן אומגליק. זי איז איינגעשלאָפן אויף מיין אַקסל, איך האָב זי געלעגט אויפן בעט, און אַליין בין איך אַרויסגעגאַנגען אין דרויסן.

די נאַכט איז געװען פראָסטיג. אַרום איז געװען שטיל. די װייסע װעלט איז געשלאָפן און האָט באַהאַלטן אין זיך אַ יונג, ערשט געפּטרט לעבן.

אַ װילדער פאַרלאַנג האָט מיך געצויגן אַהין, צו דעם אָפּגרונט דאָרט, װאו ער האָט זיך געדוכט צו רופן און צו צוזאָגן גליק און רוה אין זיין טיפעניש. איך האָב געפילט, אַז נייעגריג אַהין, װעל איך מער נישט צוריקקומען, און בין געבליבן שטיין פאַרזונקען אין געדאַנקען. פון הימל אויבן האָבן געװאונקען די שטערן און האָבן דערציילט פון אייביגקייטן, װאָס פאַר זיי איז גלייך פרייד און ליידן, גליק און אומגליק, לעבן און טויט.

און אויפן װעג צוריק קיין מינכען האָבן מיר די גאַנצע צייט גערעדט פון אים. ס׳איז אויסגעקומען אַזוי מאָדנע, װאָס מיר זיצן דאָ נאָר צװיי אַנשטאָט דריי, װאָס זיינען אַהער געקומען. ריידנדיג האָב איך אַרויסגעזאָגט סאָניען מיין מיינונג, אַז ער איז נישט אַראָפּגעפאַלן, װי די צייטונגען האָבן באַשריבן דעם פאַל, נאָר אַז ער האָט זיך אַליין אַראָפּגעװאָרפן.

— און דו מיינסט, ער האָט מיך אין אמתן ליב געהאַט? — האָט זי געפרעגט, און אויף איר פּנים האָט זיך צעגאָסן דער צופרידענער, גליקליכער שמייכל אירער.

אַך, דער שמייכל!

אין אַ חסידיש הויז

I

נישט לאַנג נאָך מיין אָנקומען אין וואַרשע האָב איך באַקומען אַ שטעל באַ אַ אירן אַ חסיר. געאַרבעט האָב איך באַ מיין פּרינציפּאַל אין שטוב; איך האָב געשריבן רעקלאַראַציעס, געפירט די חשבונות און דערצו נאָך האָב איך געלערנט בוכהאַלטעריע מיט מיין פּרינציפּאַלס זון, אַ חתן־בחור מיט אַ גאָלרענעם זייגער און אַ גרויסער בעל־גאוה. דער ראָזיגער בחור האָט מיך אויס־געהערט שטיל, קוקנדיג אין אַ זייט, מיט אַ מינע פון אַ גענע־ראַל, וואָס נעמט אָן אַ ראַפּאָרט. און טאָמער האָב איך געזאָגט, אַז ער האָט זיך טועה געווען, האָט ער אויף מיר אויסגעגלאָצט אַ פּאָר אויגן מיט כעס און איז זיך אַוועקגעגאַנגען אין מיטן דער לעקציע. ריירן גלאַט אַזוי פון נעבנזאַכן מיט אַ ליטוואַק, עפּעס אַ שרייבערל, איז אים נישט אָנגעשטאַנען. עס פאַרשטייט זיך, אַז איך פון מיין זייט האָב אים אויך נישט זעהר ליב געהאַט און האָב געקוקט אויף אים, ווי אויך אויף מיין פּרינציפּאַל, פון דער הייך, ווי אויף ווילדע, פאַנאַטישע מענשן. איך בין ערשט ניט לאַנג אָנגעקומען פון ליטע מיט אַ קאָפּ פול השכלה און אייראָ־פּייאישע נעראַנקען, און די וואַרשעווער חסידים מיט זייער גאַנג און לעבן, מיט דער פאַרצויגענער אויסשפּראַך זייערער, ראָס ציהען די ווערטער עפּעס מיט אַ מין זינגעריי, האָבן מיר אויס־געזעהן אַזוי ווילד און פרעמד, אַז איך האָב מיר גאָר נישט געקאָנט פאָרשטעלן מענשן נאָך ווילדערע פאַר זיי.

מיין פּרינציפּאַל, אַ פאָרריאַטשיק באַ דער אייזנבאַן, איז גאָר ווייניג געזעסן אין דערהיים. ער האָט שטענדיג געהאַלטן אין איין איילן זיך. קוים איז ער אַהיים געקומען אויף מיטאָג און

האָט אַוועקגעשטעלט דעם שטעקן אין דער זייט, האָט ער זיך שוין אָנגעהויבן צו בייזערן, פאַרוואָס דער מיטאָג איז נאָך נישט פאַרטיג, און דאָס געמורמל זיינס, כאָטש איך האָב עס אַלע טאָג כמעט געהערט, האָב איך נישט געקאָנט קלאָר פאַרשטיין. אָפטיילן די ווערטער איינס פון אַנדערן איז אוממעגליך געווען. איך האָב נאָר געזעהן, ווי זיין לאַנגע שוואַרצע באָרד שאָקלט זיך, די וואָנצעס ציטערן, און פון דעם שוואַרץ־באַוואַקסענעם מויל שיט זיך אַרויס עפּעס אַ מאָרנע ברומען, פון וועלכן איך האָב נאָר דערהערט די ווערטער: מיטאָ — מיטאָ — קיינמאָל גיש...

און דער מאָנאָלאָג האָט זיך געענדיגט מיט אַ לאַנג־אויסגעצויגענער פראַזע:

כ׳האָ־גיש־ק׳צאַאַט!

אין מיטן מיטאָג, צווישן איין געריכט און דעם צווייטן, האָט ער זיך פּלוצלינג אויפגעכאַפּט פון אָרט, צוגעגאַנגען צו מיר, האָט אויסגעשאָקלט די קעשענעס און האָט אָנגעוואָרפן אויפן טיש שטיקלאַך פּאַפּיר, וואו ער האָט פאַרצייכנט דאָס געלט, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן די אַרבעטער, דערצו פאַרשיידענע קוויטלאַך, טיילמאָל וועקסלען א. ד. ג. און דאָס אַלץ איז געווען צעקנייטשט, צעקנוידערט, אַז איך האָב דערנאָך געהאַט אַ סך אַרבעט אויסצוגלייכן, איינאָרדענען און פאַרצייכענען אין די ביכער. וואָס מען ברויך צו טון, האָב איך מיך געמוזט מער אַליין משער זיין, ווי איך האָב פאַרשטאַנען פון זיינע ווערטער. ער האָט גערעדט אַזוי גיך און פאַרצויגן און האָט אַזוי צוגעוואָרפן מיט די הענט, אַז איך האָב מער געקוקט אויף אים ,ווי איך האָב אים געהערט.

— און יצחק׳ל, וואָע? האָט ער געפרעגט, שלינגענדיג די ווערטער: ר׳לערנט זיך יצחק׳ל? ר׳לערנט זיך, ר׳לערנט זיך?

נאָר ער האָט קיינמאָל נישט געוואַרט, וואָס איך וועל אים דערציילן, ווי גוט זיין חתן־בחור לערנט זיך, און איז צוריק געגאַנגען צום טיש עסן.

פאַרן אַרויסגיין האָט אים זיין ווייב, אַ הויך־געוואַקסענע און נאָך זעהר אַ שיינע פרוי אין די יאָרן, מיט ממזוריש־לאַכעדיגע אויגן און אַ מאָרנעם שמייכל אויף די ליפּן, געווייגליך צוריקגערופן, אים אָפּגעווישט מיט דער האַנט די לאָקשן אָדער שטיק־

לאַך ברויט, וואָס האָבן זיך געפונען אויף זיין באָרד, און האָט נעבעטן געלט. ער האָט זיך געבייזערט און אָנגעמורמלט אַ מאָנאָלאָג, פון וועלכן מיינע אויערן האָבן נאָר אויפגעכאַפּט די ווערטער: „ווירער־ווירער, געלט־געלט“ און דעם אויסגעצויגענעם סוף, וואָס האָט געקלונגען אַביסל בעטנדיג, מיט אַ גמרא־ניגון, ווי עפּעס אַ שווערע קשיא: „וואָס טויג דיר געלט?“ זיין ווייב האָט אים אודאי יאָ פאַרשטאַנען, נאָר זי האָט זיך ווייניג דערפון געמאַכט, זי האָט אים צוגעקנעפּלט דאָס אונטערשטע קנעפּל פון וועסטל, געקוקט גלייך אים אין די אויגן אַריין. און איר לאַכעדיגער ממורישער בליק האָט אויף אים געמוזט האָבן אַ ווירקונג.

— מן הסתם ברויך איך, אשר... האָט זי גערעדט געלאַסן, און ער האָט געגעבן. און דערביי האָט זיין האָריג פּנים און זיינע קליינע אומרוהיגע אויגן אויסגעדריקט אַזאַ מין הנאָה און נחת, וואָס האָט גאָרנישט צוגעפּאַסט צו דעם איילינגן, גיכן באַשעפעניש. חוץ געלט און געשעפטן האָט מיין פּרינציפּאַל ליב געהאַט אויך זיין ווייב.

צי האָט זי אים ליב געהאַט, צי ניין — איז שווער צו זאָגן. עס איז מיר קיינמאָל נישט אויסגעקומען זי צו פרעגן וועגן דעם, כאָטש מיר האָבן אַ סך גערעדט און געשמועסט וועגן פאַרשיידענע זאַכן. ווען קיינער איז ניט געווען אין שטוב, האָט זי זיך צוגעזעצט צו דעם טישל, בײַ וועלכן איך האָב געאַרבעט, און האָט אָנגעהויבן דעם שמועס. גערעדט האָט זי פון אַלץ, און אַלץ מיט איין גלייכן טאָן. זי האָט זיך אינטערעסירט מיט מיר, פאַרוואָס איך האָב נישט חתונה, צי איך האָב ליב עפּעס אַ מיידל, אָדער איך קלער גאָר קיינמאָל נישט חתונה צו האָבן.

— עס זיינען דאָ מענטשן אַזעלכע, וואָס האָבן קיינמאָל נישט חתונה? — האָט זי זיך אינטערעסירט און געוואָלט הערן מיין מיינונג; איך האָב געהערט, אַז עס זיינען דאָ אַלטע קאַוואַליערן; איך פאַרשטיי נישט... האָט זי געענדיגט מיט אַ שמייכל.

גערעדט האָט זי אויף פּוילישער אַרט, זינגענדיג, נאָר דאָס זינגעריי און ציהען די ווערטער, וואָס קומט אַרויס בײַ מאַנספּאַר־שוינען אַזוי לעכערליך, פּאַסט זעהר צו דער שוואַכער ווייבערי־

שער נאַטור. אַ שטימע האָט זי געהאַט זעהר אַן אַנגענעמע. אין איר קול האָט זיך געהערט פוילקייט, אומעט און באַגערן.

איך האָב געענטפערט, אַז חתונה האָבן איז נישט אַזוי גרינג, אַז פאַרבינדן אויפן גאַנצן לעבן קאָן נאָר אַזאַ הויך, איידל און מעכטיג געפיל, ווי ליבע איז. איך האָב גערערט באַגייסטערט, ווי נאָר אַ יונגער מאַן אין מיינע יאָרן — איך בין רעמאָלט אַלט געווען צוויי און צוואַנציג יאָר — קאָן ריידן וועגן ליבע. זי האָט מיך אויסגעהערט מיט כונה, געקוקט מיר גלייך אין די אויגן אַריין, און מיר איז עפּעס שווער געוואָרן איבערצוטראָגן איר קאַלטן, לאַכערינגן בליק. אָט אַזוי הערט מען אויס אַ קינר, וואָס דערציילט אַלטע באַקאַנטע זאַכן, וואָס אַלע ווייסן, נאָר וויל עס איז אַ קינר הערט מען אים אויס. איך האָב געטראַכט, צי איז איר, דער שיינער, שלאַנקער פרוי אין רעם פאַבריק, דאָס געפיל פון ליבע נישט מער באַקאַנט, ווי מיר, וואָס איך האָב עס נאָר געלעזן אין ביכער, און אין לעבן קיינמאָל נישט געקענט.

איך האָב אָפּגעהאַקט און גענומען טון מיין אַרבעט. נאָר מאָרגן און איבערמאָרגן איז זי ווירער צוגעקומען און גענומען שמועסן. און ווי להכעיס, האָב איך באַמערקט, אַז זי רערט נאָר פון אַזעלכע זאַכן... און זי רעדט נאָר נישט ווי אַ חסידיש ווייבל, נאָר קאַלטבלוטיג, מיט איראָניע, מיט יענער איראָניע פון זעהר שיינע נישט יונגע פרויען, וואָס זיינען זיכער אין זיך, אין זייער שיינקייט. איך האָב זיך איינמאָל נישט איינגעהאַלטן און האָב זי געפרעגט:

— פאַרוואָס טראָגן זי אַ פאַריק?

איך האָב מיך נישט טועה געווען. די פראַגע האָט זי אויפ־גערעגט און האָט איר צוגענומען די רוהיגקייט און פאַרשנדע קאַלטבלוטיגקייט, וואָס האָט מיך גערערט. זי איז רויט געוואָרן ביז אונטער דעם פאַריק.

— גלויבן זי מיר — האָט זי גערערט הייך און דערשראָקן: אַז ס'איז נישט אַזאַ זאַך, אַז מען טראָגט אַ שייטל. וואָס איז דער מער? מען קאָן עפּעס נישט זיין קיין מענש אין אַ שייטל? זי מיינען, איך טו עס מיר צוליב? וואָס קאָן מען טון? מען האָט ראָך קינדער... אַ מאַן...

דאָס מאָל האָט זי איבערגעהאַקט דעם שמועס און האָט עטליכע טעג נישט גערעדט מיט מיר.

אין עטליכע טעג אַרום איז זי ווידער צוגעקומען. מיין פראַגע איז גאָר פאַרגעסן געוואָרן, און מיר האָבן טיילמאָל אַוועקגע־פלוידערט אַ לאַנגע ווילע וועגן פאַרשיידענע זאַכן. זי איז נישט געווען אַזוי פאַרווילדעט, ווי איך האָב געמיינט. זי האָט ליב געהאַט וועגן אַלץ צו ריידן, נאָר אינטערעסירט, רוכט זיך, האָט זי קיין שום זאַך נישט, און זי האָט אַלץ אויסגעהערט גלייכגילטיג.

איין מאָל צי צוויי מאָל אין דער וואָך פלעגט נאָכן מיטאָג אַריינקומען אַ יונגער מאַן פון אַ יאָר דרייסיג, געקליידעט קורץ און מיט אַ געגאָלטער באָרד; ווי איך בין דערנאָך געוואָר געוואָרן, איז דאָס געווען אירס אַ שוועסטער־קינד, אַ רייכער, מיט וועלכן מיין פרינציפּאַל האָט געהאַט עפּעס געשעפטן. ער האָט יעדעס מאָל געפרעגט די זעלבע פראַגע: וואָס מאַכט מען עפּעס גוטס? אָשר איז נישט אין דערהיים? אַ שאָד! ער האָט נישט אויסגעטאָן דעם קאַפּעליוש און געזעצט זיך באַם טיש. מאַדאַם פערנבערג — אַזוי איז געווען מיין פרינציפּאַלס פאַמיליענאָמען — האָט זיך געזעצט אַנטקעגן אים. מען האָט גערעדט שטיל, געטרונקען טיי און געוואָרפן בליקן מיט חשד אויף מיר. דערנאָך האָט זיך מיין מאַדאַם אָנגעטאָן, און זיי זיינען צוזאַמען ערגעץ געגאַנגען.

אויסער דעם איז אין שטוב אַלץ געפירט געוואָרן שטרייגג חסידיש. דער בחור איז כמעט שטענדיג געגאַנגען אַרומגע־גאַרטעלט מיט אַ גאַרטל און אין אַ יאַרמולקע אונטערן ויירענעם היטל. ווען אַ פרעמדער מאַנספּאַרשוין איז געווען אין שטוב, האָט זיך חנהלע אויף די אויגן נישט געוויזן. מיט פלייש זאַלצן און עפענען אַ הון האָט מען זיך נישט פאַרלאָזט אויף דער קעכין. דער פרינציפּאַל איז אָפט געפאָרן צום רבין, און ווען דער חתן־בחור האָט זיך אַמאָל דערלויבט אָנצוטון אַ העמד מיט אַ גע־פרעסטן קאָלנער, האָט ער געקריגן גוט אויסגעזידלט פון פאָטער. אַפילו די מוטער האָט אויף אים געשריען, אמת, מיט אַ האַלב מויל ,עפּעס נאָר אַזוי ווי יוצא צו זיין, נאָר מער דערלויבט האָט ־יך דער חתן־בחור שוין נישט אַזאַ זאַך.

II

חנהלע איז געווען נאָך אַ יונג מיידל פון אַ יאָר זיבעצעך אַכצען, זעהר אַ שיינע, געראָטן אין איר מוטער, נאָר ראָס פּנים אירס איז געווען אַ סך ווייכער און האָט געטראָגן אויף זיך דעם לייכטן פרישן קאָליר פון אַ שפּראָצנדיגער יוגנט. דער וואוקס אירער, דער פעסט געבויטער קערפּער ,די שוואַרצע, שאַרף אויס־געשניטענע בּרעמען און די פולע, ליירנשאַפטליכע ליפּן האָבן דערמאָנט אָן דער מוטער, נאָר אין די אויגן אירע איז נישט געווען יענער שמייכל, וואָס האָט געפינקעלט אין איר מוטערס אויגן. איבּעריגנס, האָבּ איך אַ לאַנגע צייט נישט געוואוסט, ווי אירע אויגן זעהען אויס. די גאַנצע דריי חדשים האָבּ איך מיט איר קיין וואָרט נישט גערערט. אַז איך בּין אַריינגעקומען אין שטוב, איז זי בּאַלד אַרויסגעגאַנגען אין דער אַנדער שטוב אַריין, און געזעהן האָבּ איך זי נאָר, ווען זי איז דורכגעגאַנגען. און על פּי רוב איז מיר אויסגעקומען צו זעהן איר פּראָפיל, און איידער נאָך איך האָבּ די אויגן אויפגעהויבן זי אָנצוקוקן, איז זי שוין פאַר־שוואונדן געוואָרן אין אַנדערן צימער. זי האָט מיך אינטערעסירט. גערוכט האָט זיך מיר, אַז איך האָבּ רחמנות אויף איר. אַ יונג מיידל — האָבּ איך געטראַכט, וואָס בּליהט און שפּראָצט פול לעבן און שיינקייט, וואָס בּאַוועגט זיך אַזוי לייכט, אַזוי שיין און ליבּליך ,וואָס וואָלט געקאָנט פאַרשפּרייטן אַרום זיך גליק, פריש־קייט און געזונטקייט אויף יערן טריט און שריט, — אַזאַ יונג, בּליהענדיג בּאַשעפעניש, וואָס געפינט זיך אַזוי ווייניג צווישן מענשן, זיצט פאַרשפּאַרט אַ גאַנצן טאָג, זעהט קיין מענשן נישט פאַר די אויגן, בּליהט אָפּ און וועלקט אין דער פינסטער — פאַר וואָס? צו וואָס? וואָס טוט זי אַ גאַנצן טאָג? וואָס קלערט זיך און טראַכט זיך אין איר יונגען קאָפּ?... זי פון איר זייט האָט מיך אַפילו גאָרנישט בּאַמערקט, קיין בּליק אויף מיר נישט געוואָרפן. מיט גלייכע מעסיגע טריט, נישט בּייגנדיג דעם קאָפּ אָן אַ זייט, איז זי דורכגעגאַנגען, און איך האָבּ נאָר געזעהן, ווי דער שיינער קערפּער רוקט זיך אָפּ, ווערט פאַרשוואונדן — און מער גאָרנישט.

דאָס האָט מיך טייטמאָל פאַרדראָסן. צי ווייל איך בין אַ ליטוואַק, אַ שרייבערל, בין איך שוין נישט ווערט, מען זאָל אויף מיר אַפילו אַ בליק וואַרפן, באַמערקן, אַז איך געפין מיך אין שטוב? אָדער שעמט זי זיך אויף מיר צו קוקן? איר שטאָלצער גאַנג, די רוהיגע, מעסיגע טריט, דער זיכערער בליק פאַר זיך, האָבן נישט צו־געלאָזט דעם געדאַנק, אַז זי איז אַ פאַרשעמט תמעוואַט מיידל, וואָס האָט מורא אַ בליק צו וואַרפן אין דער זייט, און זי איז געווען פאַר מיר אַ לעבעדיג רעטעניש.

יעדן טאָג פלעג איך קומען צו דער אַרבעט מיט אַ האָפענונג, אַז היינט וועל איך עפּעס נייעס געוואָר ווערן, איך וועל מיך מיט איר באַקענען, און אַהיים גיין פלעג איך זעהר אומצופרידן. טראָגנדיג מיט זיך אין מוח דאָס רעטעניש, וואָס איז געבליבן רעטעניש, ווי נעכטן און אייערנעכטן.

איך געדיינק, אַז זינגדיג באַ מיין אַרבעט, פלעג איך וואַרטן אויף איר מיט אומגעדולד. געוואוסט האָב איך, אַז אין צווייטן צימער געפינט זי זיך, און איך האָב געטראַכט, צי די טיר עפנט זיך נישט. נאָר אָט אין מיטן שרייבן, אַז איך בין שוין מיד געוואָרן וואַרטן, עפנט זיך די טיר: זי איז דורכגעגאַנגען פּאַמעליך, רוהיג און איז פאַרשוואונדן אין דער קיך. איך בין געבליבן זיצן אויף מיין אָרט עפּעס פאַרשעמט און אומצופרידן, ווי מען וואָלט מיך אויסגעזידלט, און איך זאָל נישט קאָנען ענטפערן... מיך האָט פאַרדראָסן און דאַך האָב איך געבענקט נאָך איר און האָב געוואַרט, ביז זי וועט דורכגיין. און יעדעס מינדסטע גערויש פון דער טיר האָט געמאַכט קלאַפּן מיין האַרץ. איך האָב אַפילו איר קול קיינמאָל נישט געהערט. ווי רעדט זי — הויך, שטיל ,פּאַמעליך אָדער געשווינד? איך האָב מיך געמאַטערט מיר פאָרצושטעלן איר ריידן און שמייכלען, און צען מאָל אין טאָג האָב איך מיר איר קול אַנדערש פאָרגעשטעלט: דאָ האָט זיך מיר געדוכט, אַז זי רעדט שטריינג, האַלב־בייז, ווי אַלע מענשן, וואָס זיינען געגנויט זיך אַלע ווילע אָפּצוואָגן פון לעבן און פאַרגעניגן, דאָ האָט מיר אויסגעוויזן, אַז איר קול איז פול ווייכקייט, גוטסקייט און דערשטיקטע געפילן, אָדער גאָר, אַז זי רעדט שמייכלענדיג, לעבעדיג און געשווינד, און איך האָב מיר פאָרגעשטעלט, ווי

אירע ליפּן, אירע שיינע, רויטע, פולע ליפּן באַוועגן זיך רערבײַ...
גאָר ראָס גאַנצע טראַכטן האָט ווייניג געהאָלפן, און זי האָט מיך פון טאָג צו טאָג אַלץ מער אינטערעסירט, אַלץ מער צוגענומען מיינע געדאַנקען.

ערשט נאָך צוויי חדשים, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין דעם הויז, האָב איך זי געטראָפן לאַכן צום ערשטן מאָל. איך בין אַריינגעקומען אין שטוב, האָב איך זי געטראָפן מיט נאָך אַ מיידל, די לעצטע האָט איר געמוזט דערציילן עפּעס לעכערליכעס, און זי האָט געלאַכט הויך. באַם לאַכן האָט זי געהאַלטן די האַנט אָנגעלענט אויף איר חברטעס אַקסל, און אירע ווייסע ציין האָבן געבלישטשעט. זי האָט אָבער באַלד מיך באַמערקט, און אין דער זעלבער רגע האָט זי אויפגעהערט צו לאַכן; איר פּנים איז געוואָרן רוהיג, אָהן שום אויסדרוק, און זי איז באַלד אַריינ־געגאַנגען מיט דעם מיידל אין דער צווייטער שטוב. נאָך לאַנג נאָך איר אַוועקגיין האָט אין מיינע אויערן געקלונגען איר לאַכן, איך האָב שלעכט געאַרבעט, אַלע ווײַלע זיך טועה געווען אין די ציפערן.

אַ גאַנצן טאָג דערנאָך האָב איך מיך געמאַטערט צו דער־מאָנען דעם שמייכל מיט אַלע פּינקטליכקייטן, איך האָב מיך געפילט ווי אַ סליעראָוואַטעל, וואָס האָט אין דער האַנט עפּעס אַ זאַכליכן באַוויז און וויל דורכדעם דערגיין דעם אמת. דאָס לאַכן אירס, ווי איך האָב שוין דערמאָנט, איז געווען אַ פרייליכער, לוסטיגער געלעכטער, נישט קיין נערוועז, און בחנם האָב איך אין דעם געלעכטער געוואָלט געפינען כאָטש איין געקלעמטע נאָטע פון דער רערשטיקטער יוגנט פון אַ חסידישער טאָכטער.

אָט אַזוי איז דורכגעגאַנגען אַ חודש און נאָך אַ חודש; איך פלעג שלעכט אַרבעטן; איך פלעג שטיין באַ דער וואַנט און געוואָלט אויפכאַפּן עפּעס אַ וואָרט, גאָר די וואַנט איז געווען צו ריק, אָרער חנהלע האָט עקסטרע שטיל גערערט — געהערט האָב איך גאָרנישט. איך האָב געפילט, אַז די דאָזיגע חנהלע האָט באַ מיר צוגענומען אַלע מיינע געראַנקען, אַז איך בין נישט אימשטאַנר צו טראַכטן וועגן עפּעס אַנדערש. איך גיי מיר קויפן

אַ נייעם הוט, אַ קראַוואַט, און טראַכט נאָר דערפון, צי אָט דער הוט און דער קראַוואַט וועלן איר געפעלן, צי וועט עס מיך מאַכן שענער, לייטישער... איך האָב אָפּגעשפּאָרט פון מיטאָג, פון אַנ־דערע נויטיגע זאַכן, און געקויפט דאָ אַ שפּילקע, דאָ אַ קראַוואַט, כאָטש איך האָב אין מיין לעבן נישט ליב געהאַט זיך צו פּראַנ־טעווען און אָנגעטאָן בין איך קיינמאָל נישט געגאַנגען פּראַנטיש. איך בין עפּעס ווי אַן אַנדער מענש געוואָרן. איך געדיינק, אַז איינמאָל, אין שטוב זיצנדיג, האָב איך באַמערקט, אַז דער קראַוואַט מיינער ליגט פאַררוקט אין אַ זייט. אַן אַנדערש מאָל וואָלט מיך דאָס אפשר גאָר ניט אַרן. איצט אָבער האָב איך מיך פּלוצלינג אַזוי דערשראָקן און בין אַזוי בייז געוואָרן אויף זיך, ווי איך וואָלט באַגאַנגען עפּעס אַ שרעקליכע זאַך. ס׳טייטש? חנהלע האָט געקאָנט פונקט דורכגיין און זעהן מיך אין אַזאַ צושטאַנד, מיט אַ פאַררוקטן קראַוואַט, און וואָלט לאַכן פון מיר! און אַז איך פּלעג בלייבן אַליין פאַר זיך, שפּאַצירנדיג אין די גאַסן, פּלעג איך מיך פאַרטראַכטן. מיינע געדאַנקען פּלעגן מיך ווייט פאַרטראָגן, און מיר איז געוואָרן לייכט, גוט און פריש אויפן האַרצן. גאַנצע מאָנאָלאָגן האָבן זיך אויסגעסדרט אין מיין קאָפּ... גערעדט האָב איך מיט חנהלען, האָב זי אויפגעקלערט, וואָס הייסט אַ פריי, ריכטיג לעבן, אַז זי לעבט אין נאַרישקייט און איז פאַרבלענדט. איך האָב זי אין געדאַנק אָנגערופן מיט אַלע ליבליכע ווערטער און איך האָב געזעהן, ווי איר פּנים ענדערט זיך, אירע אויגן פינקלען, און זי הערט זיך איין און וואַרפט אויף מיר אַ פאַרשעמטן, נאָר אַ ברענענדיגן בליק.

„גוטע, פרומע נשמה", האָב איך געמורמעלט פאַר זיך.

עס האָט אויך פּאַסירט, אַז אין מיטן בעסטן טראַכטן האָט זיך מיר דערמאָנט איר געלעכטער, וואָס איך האָב אַמאָל געהערט, און מיינע פאַנטאַזיעס זיינען פּלוצלינג איבערגעהאַקט געוואָרן. דער געלעכטער האָט איבערגעריסן מיינע געדאַנקען, ווי עפּעס אַ פאַלשער טאָן אין אַ שיינעם מאָטיוו, און איך בין געבליבן עפּעס אומרוהיג.

אין שטוב האָט זיך אַלץ געפירט ווי פריהער. די מוטער פּלעגט אָפּט מאָל מיט מיר ריידן, נאָר איך פלעג איר ענטפערן פויל

און נישט ווילנריג. וואָס זי האָט גערערט, האָט מיך נישט אינטערעסירט, און וואָס מיך האָט יאָ אינטערעסירט און וועגן וואָס זי האָט מיר געקאָנט אַזוי פיל דערציילן—וועגן דעם האָט זי גאָר געשוויגן. אָנהויבן ריידן מיט איר וועגן איר טאָכטער האָב איך מורא געהאַט. באַמערקט האָב איך, אַז צווישן איר און איר טאָכטער איז פאַראַן עפּעס, וואָס איך ווייס עס נישט. נאָך באַלד אין אָנהויב, אין ערשטן חודש פון מיין זיין אויף דער שטעל, ווען חנהלע פלעגט זיך עפּטער געפינען אין שטוב, וואו איך האָב געאַרבעט, האָב איך דאָס באַמערקט. איינמאָל, געדיינק איך, איז חנהלע געשטאַנען בּאַם קרערענץ, עפּעס געזוכט אָדער געמאַכט זיך זוכן. די מוטער איז אַריינגעקומען און האָט געוואָרפן צוערשט אויף מיר אַ בּליק, דערנאָך אויף חנהלען, וואָס האָט זיך, ווי מיר האָט אויסגעזעהן, עקסטרע נישט אומגעקערט; זי איז צוגע־נאַנגען צום קרערענץ און האָט געפרעגט איר טאָכטער, וואָס זי זוכט. חנהלע האָט עפּעס געענטפערט און איז באַלד אַרויס־געגאַנגען, די מוטער — נאָך איר. און פון דעמאָלט אָן האָט זיך חנהלע פאַר מיר אַזוי געהיט.

נאָר אין דער לעצטער צייט האָט זי זיך ווידער עפּטער געוויזן און האָט מיר נישט זעלטן געשיינקט אַ בּליק. אַזאַ בּליק האָט מיר געגעבן מאַטעריאַל צו טראַכטן אויף אַ גאַנצן טאָג, האָט מיך געטרייסט און געגעבן האָפענונג — נאָר איך האָב מיר אַליין צעשטערט מיין צופרידנקייט. איך האָב מיך אַמאָל אַריינגעלאָזט מיט דעם בּחור אין אַ געשפּרעך. ער איז געווען גאָר גוט אויפ־געלעגט, ווייל ער האָט ערשט געקראָגן אַריינגעשיקט פון זיין מחותן אַ נייע מתּנה — אַ זילבערנע ציגאַרן־טאַש. ער האָט זי געדרייט אין דער האַנט און געקוואָלן פאַר נחת. מיין בּוכהאַלטעריע האָט ער נישט אין זינען געהאַט צו הערן, און האָט אַלץ געמאַכט נייע אַנטרעקונגען אין דער ציגאַרן־טאַש: אַז דאָס באַגילדערכץ איז גאָר אַן אַנדערש, אַז דער שלאָס איז גאָר אַן אומגעוויינליכער שלאָס א. ד. ג.

— און אַ כּלה האָט איר עפּעס אַ שיינע? — האָב איך געפרעגט.

די פראַגע איז געווען אַביסל צו אומגעריכט. ער האָט אויף

מיר אויסגעשטעלט אַ פּאָר פּאַרוואונדערטע אויגן און האָט גע־ענטפערט:

— אַוראַי! וואָס רעדן? איך האָב נישט קיין שיינע כּלה? ער האָט זיך אומגעקוקט אין שטוב, צי קיינער הערט אים נישט. ער האָט מיך בּאַשוואָרן, איך זאָל קיינעם נישט אויסזאָגן און האָט מיר דערציילט, ווי ער דרייט זיך עקסטרע שבת עפּעס פּאַר אַ הויז, וואו זיין כּלה גייט געוויינליך אַריין, און זעהט זי.

— און וואָס רעדט ער מיט איר?

— זי קען דאָך מיך נישט! האָט ער געענטפערט גלאָט — אַז זי גייט פאַרבּיי, נייג איך מיך — אָט אַזוי.

— און זי?

— הערסט דו! זי ווייסט דאָך נישט, ווער איך בּין! אוי, איז זי אַמאָל רויט געוואָרן!

און ער האָט אָנגעהויבּן צו לאַכן, נאָר אין מיטן האָט ער זיך דערשראָקן פאַר זיינע אייגענע ווערטער. מיר האָט זיך גערוכט, אַז דאָס איז אינגאַנצן אַן אויסגעטראַכטע מעשה, אַז זיין כּלה וואָלט ער זיך נישט איינגעשטעלט צו זעהן, און דאָס רימט ער זיך נאָר אַזוי פאַר מיר, כּדי מיר צו ווייזן, וואָס פאַר אַ וואוילער יונג ער איז.

— איר וועט נישט אויסזאָגן? זעהט, איך בּעט אייך. איר וועט נישט אויסזאָגן! — האָט ער אויסגעשריען פעסט, און האָט זיך גענומען שפּילן מיט דער ציגאַרן־טאַש. איך האָב מיך בּאַנוצט מיט דער געלעגנהייט און האָב אים אָנגעהויבּן צו פרעגן וועגן זיין שוועסטער:

— איר האָט אַ וואוילע שוועסטער — האָב איך אים געוואָלט חנפענען — אַ שיין מיידל, זעלטן...

— חנהלע? אר־וואַ! אויך מיר אַ מענש! מיין כּלה איז אַ סך שענער...

ווי נאַריש דאָס איז נישט, מוז איך מורה זיין, אַז דאָס האָט מיך פאַרדראָסן, און איך האָב מיך קוים איינגעהאַלטן, איך זאָל אים נישט ענטפערן, אַז ער ווייסט נישט פון זיינע הענט און פיס צוזאָגן...

— וואָס טוט זי אַ גאַנצן טאָג? — האָב איך געפאָרשט.

— מײַן כּלה?

— ניין, אײַער שװעסטער, חנהלע...

דער טאָן מײַנער האָט געמוזט װעקן עפּעס אַ חשד, צי ער איז געװען באַלײדיגט, װאָס איך רײד פון חנהלען, נישט פון זײַן כּלה, געענטפערט האָט ער אומגערן:

— װאָס זאָל זי טון? אױך מײַן דאַגה! אַלץ מוזט איר װיסן?!

דעם נעשפּרעך האָט דער חתן־בּחור געמוזט דערצײלן, װײַל אַרום מיר איז אַלץ אַנדערש געװאָרן, חנהלע האָט זיך אינגאַנצן נישט געװיזן, די מאַראַם האָט מיט מיר נישט גערעדט און האָט געקוקט אױף מיר עפּעס קרום. פון מײַן פּרינציפּאַל האָב איך געהאַט אַן אָנצוהערעניש, אַז איך זאָל מיר שאַפן אַ שטעל.

װאָס טוט זי, חנהלע? — האָב איך געטראַכט — די אָרימע נשמה? איך האָב איר אַוראַי ענמת נפש פאַרשאַפט! צי װאָס, צי װען? װאָלט איך כאָטש געקאָנט מיט איר אַ װאָרט רײדן און זיך אַנטשולדיגן! נאָר װי אַזױ?

אײנמאָל בּין איך געקומען אין דערפריה צו דער אַרבעט. אין שטוב איז קײנער נישט געװען. איך בּין געװען פאַרזאָרגט און נישט אױסגעשלאָפן, אין דער קיך איז געװען חנהלע, און אין מײַן האַרץ איז געװען אַזאַ אומגעדולד, אַז די פעדער האָט געצי־טערט אין מײַן האַנט. איך האָב געפילט איר יוגנט און פרישקײט, איר שלאַנקען קערפּער און איר װײכן בּליק דורך דער װאַנט. אַלץ אין מיר האָט זיך געריסן און געצױגן אין דער אַנדערער שטוב אַרײַן, און די קאַלטע שטומע װאַנט איז זיך געשטאַנען רוהיג, װי אַ שרעקליכע מאַכט... מײַן בּליק איז געפאַלן אױפן שפּיגל, מײַן פּנים איז געװען בּלאַס און עפּעס אַ מאָרנע װײכקײט און אומבּאַהאָלפנקײט איז דערױף געװען אױסגעגאָסן. איך האָב בּאַװאונדערט מײַן אײגן פּנים... פּלוצלינג האָט זיך די טיר געעפנט, און חנהלע, האַלטנדיג עפּעס אַ שליסעלע אין דער האַנט, איז צוגעגאַנגען גלײַך צו מיר. איך האָב מיך אױפגעכאַפּט פון אָרט עפּעס װי דערשראָקן. זי איז צוגעגאַנגען רוהיג, גלײַך, האָט אַנידערגעלעגט דאָס שליסעלע אױפן טיש און האָט געזאָגט:

— דער טאַטישי האָט געהײסן איבּערגעבּן דאָרט צװײ װעקס־לען אין דער בּאַנק...

איך האָב עפּעס געוואָלט ענטפערן, נאָר מיין האַרץ האָט פעסט געקלאַפּט, און זי איז זיך שטיל און רוהיג צוריק אַרויס־געגאַנגען.

„פאַרוואָס האָב איך נישט געמאַכט קיין שמועס מיט איר“? האָב איך מיך אַליין געזידלט און געביסן די ליפּן פאַר כעס. נאָר מיר איז אַפּילו אין דער פאָרשטעלונג שווער געווען אויס־צוטראַכטן עפּעס אַ פראַגע אָדער אַן ענטפער, וואָס איך האָב געקאָנט איר געבן; וואָס האָב איך איר, דער חסידישער פרומער טאָכטער, געקאָנט זאָגן? ווי האָט זיך אונזער שמועס געזאָלט אָנהויבן! ערשט פאַרנאַכט האָב איך מיך דערמאָנט, אַז דאָס שליסעלע האָט זי אַנידערגעלעגט אויפן טיש, נישט מיר דער־לאַנגט אין האַנט אַריין. דאָס איז אַוודאי אַזאַ מנהג־חסידים... איך האָב זי דאָך געקאָנט פרעגן מיט אַ שמייכל און מיט אַ ווייך קול: פאַרוואָס האָבן זי דאָס שליסעלע אַנידערגעלעגט אויפן טיש, נישט מיר דערלאַנגט אין דער האַנט? וואָס פאַר אַ געראָטענע פראַגע! נאָר דער שכל איז אַ קריכער. איצט, פאַרנאַכט אויף דער גאַס, איז מיר די פראַגע געקומען אין קאָפּ אַריין, און דאָרט, אין שטוב, בין איך געווען איבערגעשראָקן, איבערגעשראָקן און מער נאָרנישט.

III

אין עטליכע טעג אַרום האָט מיר דער בחור אָנגעזאָגט אַזאַ בשורה:

— איר ווייסט, לערער? איר וועט שוין מער דאָ נישט זיין, דער טאַטישי האָט צוגענומען אַן אַנדערן.

— פאַרוואָס? — האָב איך געפרעגט, איינהאַלטנדיג אין זיך מיין כעס אויף דעם דאָזיגן קאַלטן נפש, וואָס איך האָב אין דער לעצטער צייט נישט געקאָנט ליידן, ווי אַ שפּין.

— איך ווייס? — האָט ער מיר געענטפערט זינגענדיג און האָט דערביי עפּעס מאָדנע פאַרקרימט די צורה זיינע — די מאַמישי

וואָגט, אַז מען טאָר נישט האַלטן אין שטוב אַזאַ יונגען מאַן...
איר קאָנט איבערפירן דאָס גאַנצע הויז... איר מיינט, איך ווייס ניט? ע־ע! איך ווייס! ער מיינט טאַקע...

— וואָס ווייסט איר? האָב איך געפרעגט בייז.

— דערציילט נישט קיין מעשיות, איך בעט אייך; איך בין קלינער פאַר אייך, כאָטש איר זענט אַ ליטוואַק, איר מעגט מיר גלויבן...

ווי באַ אַלע בית־המדרש־בחורים, איז באַ אים די גרעסטע חכמה געווען צו ריידן וועגן מיידלאַך און גראָבע וויצן זאָגן, און ווייל ער האָט דאָס אַוראַי גוט געקענט, האָט ער זיך געהאַלטן פאַר זעהר קלוג און ער האָט מיך פון לאַנג אָן פיינט געהאַט, פאַרוואָס איך לאָז מיך נישט אַריין מיט אים אין אַ געשפּרעך וועגן אַזעלכע ענינים. איך האָב בחנם געפּרובט געוואָר ווערן פון דעם בחור, וואָס פאַר אַ בלבול מען האָט געמאַכט אויף מיר. ער האָט אַלץ געענטפערט מיט אַ שמייכל און נישט צו דער זאַך, איך האָב געזעהן, אַז די זאַך גופא אינטערעסירט אים אינגאַנצן נישט, אַז ער דאַרף נאָר מיר אַרויסווייזן זיין קלוגן קאָפּ מיט זיינע חכמות. איך בין בייז געוואָרן:

— גייט מיט אייערע חכמות, פּראָים! האָב איך געשריען — דאָס איז נאָר קיין מענש נישט! איר ווילט לערנען, טאָ לערנט; נישט — טאָ שווייגט! שווייגט, און פאַרדרייט מיר דעם קאָפּ נישט!

דער בחור האָט אויף מיר אויסגעגלאָצט אַ פּאָר אויגן מיט כעס, מיך איינגעשלונגען:

— גיב נאָר אַ קוק: אַ ליטוואַק קומט זיך אַריין שרייען! אויך מיר אַ פּריץ! אַ דלות זענט איר, נייט אייך צו אַלדע שוואַרצע יאָר! וואָס טוט איר דאָ? זעה נאָר! אויך מיר אַ רייטש, מיט אויסגעקרימטע שיך און מיט צעריסענע הויזן!...

איך געדיינק, אַז מיין האַנט האָט זיך אויפגעהויבן, איך וואָלט אים, ווער ווייס וואָס געטאָן; נאָר מיין בליק איז אומגערן געפאַלן אויף מיינע קאַמאַשן, — זיי זיינען געווען אויסגעקרימט...
איך האָב די האַנט אַראָפּגעלאָזט, די אויגן מיינע זיינען פול געוואָרן מיט טרערן, די שטוב און די זאַכן אַרום מיר האָבן זיך געשאָקלט

און געציטערט... מיר און מאַט, מיט אַ שוואַכן אָטעם, האָב איך מיך געזעצט אויפן בײנקל. דער בחור איז אַרויסגעגאַנגען. איך האָב מיך אויפגעשטעלט און האָב נאָך אַמאָל באַטראַכט מײנע קאַמאַשן: אמת, אויסגעקרימט! האָב איך געדערט צו מיר— נאָר וואָס האָט ער געוואָלט פון מײנע הויזן?! פון מײנע הויזן וואָס האָט ער געוואָלט?! האָב איך געחזורט, נישט וויסנדיג אַליין, וואָס איך רייד פאַר כּעס, און האָב פעסט פאַרביסן די ליפּן. אין מיין כּעס האָב איך נאָר געהאַט איין פעסטן פאַרלאַנג: אַרייננצושלעפּן דעם בחור פאַר די האָר און ווייזן אים, אַז די הויזן מיינע זיינען גאַנץ, האָבן קיין איין ריס, קיין איין פלעק נישט, אַז ער איז אַ ליגנער, פּשוט אַ ליגנער, און האָט ניט דאָס רעכט אַזוי צו זאָגן. אין עטליכע מינוט אַרום איז די מאַדאַם אַריינגעקומען און, נישט קוקנדיג אויף מיר, האָט זי געזאָגט:

— וואָס איז דאָס דאָ געווען מיט מיין יצחקלען? איר האָט אייך עפּעס געקרינקט? ער איז דאָך אַ קינד, וואָס ווילן זיי געבעך האָבן פון אים?

דאָס קינד אירס האָט געהאַט אַ קאַרק און אַ פּאָר ברייטע געזונטע אַקסלען, ווי אַן אַטלעט; איך האָב נישט געענטפערט.

— איך וועל איהן זאָגן די וואָרהייט — האָט זי ווידער אָנגעהויבן עפּעס צו זאָגן, נאָר איך האָב מער שוין נישט געקאָנט אִיבּערטראָגן איר ליבליכן טאָן מיט מיר. איר ריידן און איר מינע דערביי, איר מאַכן מיט דער האַנט פאַמעליך און דאָס גאַנצע וועזן אירס — האָבן מיר איצט אויסגעזועהן אַזוי מאָרנע פאַלש, אַזוי אומנאַטירליך, אַז איך האָב נישט פאַרשטאַנען, ווי אַזוי איך האָב ביז אַהער געקאָנט רוהיג ריידן.

— וואָס ווילן זיי פון מיר?! וואָס פאַר אַ בּלבּולים האָט מען דאָ געמאַכט אויף מיר?! האָב איך געפרעגט שטרייננג און בייז און האָב מיך אויפגעשטעלט, גרייט איר אַ ביינקל צו וואַרפן אין קאָפּ אַריין.

— זעהען זי, זי בייזערן זיך! אַ ליטוואַק בלייבט אַ ליטוואַק; וואָס האָבן מיר אייך פאַר אַ שלעכטס געטאָן? מען האָט דען געמאַכט אַ קאָנטראַקט אייך שטענדיג צו האַלטן? איך בעט איהן זעהר, אַז מען האַנדעלט, ווי אָרנטליכע מענשן, ברויך מען זיך צו

בייוערן? איך פרענ אייך, אַרבאַ! איר וענט ראָך עפּעס אַ נעבּילרעטער יוננער מאַן...

איך האָב נישט אויסנעהאָרכט רעם סוף, האָב אָננעטאָן מיין פּאַלטאָ און נענומען גיין. בּאַ מיין אַרויסגיין האָט זיך די טיר פון רריטן צימער גנעפנט און חנהלע האָט אַריינגעקוקט...

אויב אייך איז אַמאָל אויסנעקומען אויפצוּוואַכן פון אַ שווערן, שלעכטן, שרעקליכן חלום, וואָס האָט אייך לאַנג געמאַטערט, און פּלוצלינג דערזעהט איר, אַז איר נעפינט אייך נאָר אין אייער איינן בעט אין שניי־ווייסן בעטנעוואַנט, אין אייער באַקאַנטער וואוינונג, נעבן אייער טיש; ארום אייך וואַכן אָרער שלאָפן אייערע באַקאַנטע, נאָהענטע און נעליבטע מענשן; אין דרויסן שיינט די מאָרגן־זון פריש און הייטער, און איר פילט אייך ראָפּלט גליקליך נאָך רעם שווערן געפיל פון פריהער — קאָנט איר אייך פאָרשטעלן, וואָס איך האָב געפילט אין דער ראָזינער מינוט, ווען די טיר האָט זיך גענפנט. מיין נאַנצער כעס איז פּלוצלינג פאַרשוואונדרן נעוואָרן. איך בּין נעשטאַנען אויף מיין אָרט און מיט אַנטציקונג האָב איך נעקוקט אויף רעם ווייכן ליבּליכן נעזיכט פון דער אַנדרערער שטוב. איך נעדיינק נאָך ווי איצט די עטליכע האָר, וואָס זיינען אַראָפּנעפאַלן אויף איר אוינ; אַפילו די בּלויע בּלימלאַך פון רער בּלוזע מאָלן זיך מיר רייטליך אויס אין מח. נעקוקט האָט זי אויף מיר און אירע אוינן האָבן אויסנערריקט, נאָט ווייס, ווי מען רופט ראָס אָן! עס זיינען פאַראַן בּליקן, אין וועלכע דיין האַרץ, דיינע נעדאַנקען און רו אינגאַנצן פאַרלירן זיך, ווי אין עפּעס אַן אומענרליכקייט. מיין נאַנצע שנאה צו רעם בּחור, ראָס נעפיל פון פאַלשקייט, וואָס האָט נעוויית פון רער מאַראַם, מיין בּאַליידיגונג, די צעריסענע קאַמאַשן — אַלץ האָט זיך אָפּנעטראָגן און באַהאַלטן. איך האָב פון איר די אוינן נישט נעקאָנט אָפּרייסן און בּין נעשטאַנען און נעקוקט. עס איז נעווען אַ מאָרנע סצענע: איך בּין נעשטאַנען און נעקוקט צו דער טיר; חנהלע האָט נעקוקט אויף מיר; די מאַראַם — אויף אונז בּיירן, און מיר אַלע האָבן נעשוויגן און זיך נישט נערירט פון אָרט, גלייך ווי מיר וואָלטן וואַרטן אויף עפּעס. נאָר אויף רער מאַראַמס פּנים האָב איך באַמערקט אַ שמייכל, יענעם קאַלטן איראָנישן

שמייכל, וואָס קאָן אָפּקילן דאָס הייסעסטע האַרץ. זי האָט גע־שמייכלט! איך בין זיכער, אַז זי האָט מקנא געווען דער טאָכטער: די אינערליכע באַליידיגונג איז איר געלעגן אין די ווינקלען פון די ליפּן.

— זי וואַרטן אויף געלט? האָט זי זיך אָנגערופן — זי וועלן אַזוי גוט זיין מאָרגן אַריינקומען, וועלן זי קריגן באַצאָלט פאַרן חודש...

מיר האָט איצט געקלעקט דאָס וואָרט געלט. איך האָב געזאָגט אַ גוטן טאָג און בין אַרויסגעגאַנגען. חנהלע האָט אַלץ נישט אַוועקגעטראָטן פון דער טיר, איך האָב געפילט איר בליק אויף מיינע אַקסלען. אַז איך האָב איבערגעטראָטן די שוועל, האָב איך געפילט, ווי אין מיין האַרץ האָט עפּעס אַ העפטיגן נאָך געגעבן. איך האָב הינטער מיר פאַרמאַכט די טיר: „אויף אייביג“! האָב איך געטראַכט — „חנהלען וועל איך מער נישט זעהן, שוין קיינמאָל נישט“! אויפן הויף האָב איך באַגעגנט דעם בחור. איך האָב די אויגן אַראָפּגעלאָזט און מורא געהאַט זיי אויפצוהויבן אויף אים, מיר האָט זיך געדוכט, אַז ער וועט אויף מיר די צונג אַרויסשטעלן, ווען איך זאָל אים אָנקוקן... און אין אמת אַריין, פאַרוואָס זאָל ער דאָס נישט טון? איך בין דאָך אַ ליטוואַק, אַ שרייבערל, וואָס מען באַנוצט אים, ווען מען וויל, און מען יאָגט אים אַרויס פון שטוב, ווען מען וויל, און ער איז דאָך עפּעס אַ נגידישער בחור, וואָס האָט אַ גאָלדענעם זייגער, אַ זילבערנע ציגאַרן־טאַש און אַ רייכן טאַטן, וואָס האָט שטענדיג אָפּן פאַר זיך אַ רייכע היים מיט אַ שיינער, שיינער שוועסטער!

דאָס לעצטע האָב איך אים נישט פאַרגינט.

IV

אַ שווערע צייט האָב איך דאַמאָלט דורכגעלעבט. די טעג, די נעכט האָבן זיך געצויגן אומגעהויער לאַנג, באַנאַכט בין איך שלעכט געשלאָפן, באַטאָג האָב איך אַרומגעשפּאַצירט אין די

גאַסן און געטראַכט, וועגן וואָס? איין נאָט ווייס. סוף כל סוף האָבן זיך מיינע געראַנקען פאַרקניפּט אָן חנהלעס געשטאַלט. מיין האַרץ האָט שטענדיג עפּעס געצויגן און גענאָגט, אַ מינוט נישט אויפגעהערט, עפּעס אַ מרה־שחורה איז אָנגעפאַלן אויף מיר, ווי אַ שווערער נעפּל, און אַלץ אַרום מיר האָב איך אויך געזעהן ווי דורך אַ נעפּל. איך בּין געוואָרן פויל, נאָכלעסיג. דער קראַוואַט איז מיר שוין איצט געלעגן פאַררוקט אין אַ זייט און איך האָב נישט געקלערט וועגן דעם; קיין שטעל האָב איך נישט געזוכט און האָב אינגאַנצן נישט געוואוסט, וואו איך לעב אויף דער וועלט.

געווען איז עס אָסיען. עס קאַפּעט אַ רעגן, די גאַס איז נאַס, די לופט טונקל, עס בּלאָזט אַ קאַלטער ווינט. דער הימל איז גראָה, זעהט אויס עפּעס, ווי פאַרשימלט, אָפּגעלעבט; אַפילו די הייזער, דוכט זיך, טרויערן, דער בּרוק ווייִנט, און אַליין האָב איך מיך געפילט אַזאַ שטיק בּרוק, אַ שטיק הויז... אין דער גרויסער שטאָט בּין איך געווען עלנט.

איך בּין געוואָרן אויפגערעגט; מיינע נערוון זיינען געווען ווי אַן אָנגעצויגענע סטרונע. אַ ליאַרע רויש, אַ ליאַרער בּליק האָט מיך געמאַכט אומרוהיג אינגאַנצן. איך האָב נאָך געקאָנט אַריינ־גיין צו מיין געוועזענעם פּרינציפּאַל מאָנען פאַר אַ חורש, נאָר איך האָב דאָס אָפּגעלעגט פון טאָג צו טאָג. דאָס וואָלט געווען דער לעצטער פּרוב, דאָס לעצטע מאָל האָב איך געוואָלט אַריינ־גיין אין דעם הויז, איך האָב מיך געשראָקן. בּאַנאַכט איז מיר שווער געווען איינצושלאָפן. אום די צייט צו פאַרטרייבן, האָב איך גענומען שרייבן אַן אַרטיקל מיט דער רעה עס אָפּצודרוקן. מיין אַרטיקל האָט געטראָגן דעם נאָמען: „די לאַגע פון די חסידישע טעכטער אין פּוילן“. דעם אינהאַלט פון דעם אַרטיקל געדיינק איך שוין נישט קלאָר, נאָר דאָס געדיינק איך, אַז מיין אַרטיקל איז געווען אָנגעשריבּן אין טאָן פון איכה, — אַזוי פיל טרעןן זיינען דאָרט געווען. איך האָב געשריבּן וועגן חסידישע טעכטער און אין זינען בּאַ מיר האָט נאָר געשוועבּט די לאַגע פון דער איינציגער טאָכטער — חנהלע. איך האָב געשילדערט איר לעבּן, ווי זי פאַרוועלקט און פאַרבּליהט אין דער בּעסטער, שענס־טער יוגנט, ווי אומגליקליך זי איז, איך האָב געשריבּן און האָב

גאָרנישט באַמערקט, אַז מיך אינטערעסירט גאָר לגמרי נישט „די לאַגע פון חסידישע טעכטער אין פּוילן“, אַז איך גיס דאָ איצט אויס מיין איבערפולט האַרץ אויף דעם גוטן פּאַפּיר, וואָס האָרכט מיך אויס אַזוי ליבליך... נאָר אין מיטן שרייבן האָב איך דער־פילט, אַז עפּעס האָט מיר אַ נאָג געגעבן באַם האַרץ, דערנאָך איז מיר אייגג געוואָרן אין האַלז, און איך האָב פּלוצלינג אַרויס־געבראָכן מיט אַ געוויין, וואָס איז מיר גאָר פרעמד געווען, וואָס האָט עפּעס גאָרנישט ווי פון מיר געשטאַמט. איך האָב גע־שלוכצט הויך אויפן קול און האָב מיך בשום אופן נישט געקאָנט איינהאַלטן. איך האָב אַזוי הויך געוויינט, אַז מיין בעל־הביתטע, וואָס האָט געוואוינט אין פאָדערשטן צימער, האָט מיך דערהערט און איז אַריינגעקומען, האַלטנדיג דעם אויסגעטונקענעם פּאַריק אין האַנט.

— וואָס איז אייך, יונגערמאַן?! האָט זי גענומען שרייען — אַי וואו איז דער טוך? גייט נאָכן דאָקטאָר... הערנדיג די געשרייען פון דער אירענע מיטן פּאַריק אין האַנט, האָט זיך מיר עפּעס געוואָלט לאַכן, נאָר קענגן מיין ווילן האָב איך אָנגעהויבן נאָך העכער צו וויינען. עס איז געוואָרן אַ מהומה אין שטוב. עס איז אַריינגעקומען אויך דער מאַן אירער, די רינסט, און די צוויי קליינע קינדער האָבן אָנגעהויבן צו וויינען הויך אויפן קול. מיר איז געווען זעהר שלעכט. איך האָב זיך מיט אַלע כחות געמאַטערט זיך איינצוהאַלטן און צו שטילן דאָס געוויין, נאָר וואָס מער איך האָב מיך געוואָלט איינהאַלטן, אַלץ מער האָב איך געשלוכצט און געוויינט.

— גאָרנישט... גאָרנישט... האָב איך זיך געמאַטערט אַרויס־צורייךן, און מיר האָט זיך געדוכט, אַז איך שריי הויך אויפן קול, בשעת מיין קול איז פאַרשלונגען געוואָרן אין מיינע שלוכצן. קוים וואָס מיר איז געלונגען צו באַרוהיגן מיך און מיינע בעלי־בתים. זיי האָבן זיך נאָך לאַנג געדרייט אַרום מיר, ביז איך האָב זיי געקאָנט איינרייךן, זיי זאָלן גיין שלאָפן. איך האָב גענומען איבערלעזן, וואָס איך האָב געשריבן, און אויך איצט האָב איך מיך נישט געקאָנט איינהאַלטן פון טרערן, נאָר דאָס מאָל האָב איך שוין גאָר אַנדערש געוויינט: שטיל, רוהיג, און מיר איז

לייכטער געוואָרן אויפֿן האַרצן פֿון די טרערן. איך האָב געלעזן וואָרט פֿאַר וואָרט. און מיר האָט זיך געדוכט, ווי עפּעס אַן אַנדערער רעדט דאָס צו מיר און פֿילט מיך. איך האָב מיך געשעמט פֿאַר זיך אַליין, וואָס איך האָב דעם אַרטיקל געוואָלט אָפּגעבן צו דרוקן, — מיין האַרץ, מיין געפֿיל האָב איך געוואָלט עפֿענען פֿאַר אַלע, פֿאַר וועמען עס וויל נאָר, ער זאָל זיפֿצן אָדער גאָר לאַכן פֿון מיר.

אַמאָל, פֿאַרנאַכט, האָב איך מיך אַרומגעדרייט אין די גאַסן. מיר איז געווען אומעטיג, דערשטיקט צו ווערן. אין דערהיים, אין מיין קליין שטעטל, פֿלעגט מיך דער ערשטער שניי פֿרייען און דערוועקן אין האַרץ אַ גוט, וואַרעם, שטיל און רוהיג געפֿיל; דאָ אָבער, אין דער גרויסער שטאָט, האָט ער נאָך מער מרה שחורה אָנגעוואָרפֿן אויף מיר, דערמאָנענדיג אָן דעם לאַנגען ווינטער אין אַ פֿרעמדער שטאָט, צווישן פֿרעמדע מענשן און אַ פֿרעמדן לעבן, דער שניי איז געפֿאַלן און געפֿאַלן און איז באַלד צעטראָטן געוואָרן אונטער די פֿיס; איך האָב געשלעפּט די פֿיס מיינע אין דער נאַסער מאַסע און האָב נישט באַמערקט, וואו איך גיי, די פֿאָריגע נאַכט בין איך כמעט נישט געשלאָפֿן. איצט קומט ווידער אַ נאַכט, אַ לאַנגע, קאַלטע און פֿינסטערע נאַכט, וואו טוט מען זיך אַהין? וואו אַנטלויפֿט מען פֿון דעם אייגענעם האַרץ... באַ מיר האָט זיך נאָך געפֿונען עפּעס געלט. איך בין צוגעגאַנגען צום טעאַטער־פּלאַץ און האָב גענומען אַ בילעט, עס פֿאַרשטייט זיך אַ בילינן, אויפֿן פֿערטן שטאָק. האָב איבערגעגעבן דעם שווייצאַר מיין פֿאַלטאָ מיט מיין נאַסן הוט, האָב גענומען אַ לאָרנעט און בין אַוועק אויף מיין אָרט. פֿון דעם דאָזיגן אָרט מיינעם, אויפֿן פֿערטן שטאָק און דער פֿערטער שורה, איז שווער געווען צו זעהן, וואָס ס׳טוט זיך אויף דער סצענע. אַנדערע האָבן זיך געשטופּט, זיינען געקראָכן אויף די בּיינק, אָנגעהאַלטן זיך אָן די זיילן. איך בין געזעסן אויף מיין אָרט רוהיג און האָב אַפֿילו מיין לאָרנעט נישט באַנוצט. מיך האָט געעקלט צו קוקן אויף די הונדערטער מענשן אין די נידעריגע גאָרנס, אויסגעפּוצטע, ווי די קוקלעס, זאַטע, צופֿרידענע, אָהן שום געפֿיל אין האַרצן, וואָס זיינען זיך געקומען ווייַלן, גלאָצן אויף דער סצענע, כּדי צו האָבן

דערנאָך וועגן וואָס צו ריירן. מיר האָט זיך געוואָלט זעהן בלייכע, פאַרזאָרגטע פּנימער, אומצופרידענע באַוועגונגען, און דאָ איז אַלץ געווען גלאַט, פיין, אויסגעפוצט, גלייך ווי די גאַנצע וועלט זאָל אין אמתן זיין אַ חתונה, און קיין בײנקעניש און אומגליק זאָלן זיך אין איר נישט געפינען... איך האַלט מיר נאָך ביז איצט בּאַ מיין מיינונג, אַז צו הערן מוזיק האָבּן דאָס רעכט נאָר אַזעלכע מענשן, וואָס ליידן אַ סך, וואָס זיי איז שווער דאָס לעבּן אַריבּער־צוטראָגן און מוזן אויף אַ ווײלע פאַרגעסן זיך און די וועלט. גלאַט אַזוי הערן מוזיק, אָנשטאָט קאָרטנשפּילן אָדער רכילות טרייבּן — דאָס איז אַן עולה, אַ גראָבּקייט. מענשן, וואָס האָבּן נאָך אַ פונק האָפענונג אין לעבּן, נאָך אַ בּרעקל ווילן, בּאַדאַרפן קיין מוזיק נישט; און ווען די גרויסע, וועלט־בּאַרימטע מוזיקער וואָלטן געפאָלגט זייער יושר, נישט זייער קעשענע, וואָלטן זיי קאָנצערט געגעבּן נישט אין טעאַטער פאַר דער מענגע צופרידענע, געזונטע מענשן, נאָר פאַר יערן בעט פון אַ גוסס, וואָס האָט צו זיין אומגליק נישט פאַרלאָרן דעם רעת און גייט אויס פאַר שרעק און טויט־אַנגסט... איבּעריגנס, געהערט דאָס נישט צו דער זאַך.

דער אָרקעסטער, גערײנק איך, האָט אָנגעהויבּן צו שפּילן; אין טעאַטער איז נאָך ליכטיג געווען. דער עולם האָט זיך צוזאַמען אַ ריר געגעבּן, און מען האָט אָנגעהויבּן צו קריכן איינער דעם אַנדערן אויף די קעפּ. איך בּין געזעסן אויפן אָרט און געוואַרט. בּיסלעכוויז איז רוהיגער געוואָרן. די טענער פון אונטן האָבּן איצט אַרויפגעשוואומען ריינער, ווי האָבּן איינגעשטילט דאָס גערויש און געמורמל און האָבּן אָנגעהויבּן אַליין צו געוועלטיגן. דער מאָטיוו איז געווען אַ געלאַסענער, האָט זיך אין אָנהויבּ געוויזן צו זיין גאָר לייכט און כּמעט ווי צופרידן; נאָר אָט האָט זיך געהערט עפּעס ווי אַ זיפץ, ווי ס׳וואָלט אין אַ נשמה אַ סטרונע געפּלאַצט, און דער גאַנצער מאָטיוו איז געוואָרן אַנדערש: דערשטיקטע טרערן, איינגעהאַלטענע זיפצן האָבּן זיך געמאַטערט לויז צו רייסן, נאָר עפּעס אַ ווילדע קראַפט האָט זיי געשטערט, איינגעהאַלטן, זיי צוריקגעשטופּט, און הילפלויז האָבּן זיי זיך ווידער אָנגעהויבּן צו רייסן פון אָרט, נאָר שטילער שוין, מיט ווייניגער האָפענונג, ווי

פריהער... די טענער זיינען געװאָרן אַלץ שטילער, שװאַכער — אין טעאַטער איז פינסטער געװאָרן, דער פאָרהאַנג האָט זיך אויפגעהויבן.

װאָס אויף דער סצענע טוט זיך, האָב איך נישט געװאוסט: מיר זיינען די אויגן צוגעפאַלן, אויפן מח איז אָנגעפאַלן עפּעס װי אַ נעפּל, דורך װעלכן עס האָבן זיך נאָר געטראָגן צעריסענע געדאַנקען, אָפּגעהאַקטע בילדער... איך האָב נישט אונטער־שיידן, צי מען זינגט, צי מען שפּילט. די טענער, האָט זיך מיר געדוכט, פליסן איין אין מיר, רירן מיין האַרץ און שאַפן עס איבער אויף ס'ניי: פון אומגליק װערט גליק, פון ליידן — נחת; אַלץ װערט הייליג און געבענטשט, און דו פילסט, אַז ביסט געװאָרן גרינגער, לייכטער און פריי, אומבאַגרענעצט פריי... דער ערשטער אַקט האָט זיך געענדיגט. דער טעאַטער האָט געהילכט פאַר קלאַפּן און שרייען בראַװאָ. די ליכטיגקייט האָט געבלענדט מיינע אויגן, איך האָב טיף אָפּגעזויפצט און האָב זיך אומגעקוקט. אַרום מיר איז געװאָרן גרוימער, דער עולם איז אַרויסגעגאַנגען אין קאָרידאָר, איך האָב מיך דערמאָנט אָן מיין לאָרנעט און האָב גענומען באַטראַכטן דאָס פּובליקום. און דרייענדיג אַזוי מיט דעם לאָרנעט, האָב איך באַמערקט אין צװייטן שטאָק, קעגנאיבער מיר, אַ באַקאַנט פּנים פון אַ פּרויענצימער. זי איז געזעסן מיט אַ קאַ־װאַליער, און ז י י זיינען געװען, װי איך האָב מיך געקאָנט משער זיין, פאַרטון אין אַ שמועס. איך האָב מיינע אויגן נישט געגלויבט: זי איז געװען זעהר ענליך צו חנהלען: דער זעלבער שטערן, די זעלבע אויגן מיט די רונדיגע, װי אויסגעשניצטע ברעמען, דעם רעשט פּנים איז מיר שװער געװען צו באַטראַכטן; זי האָט גערעדט, געלאַכט און געבויגן זיך פון אָרט צו אָרט... װי קומט זי אין טעאַטער אַריין, זי, די חסידישע טאָכטער, װאָס האָט מיט מיר, מיט אַ פרעמדן יונגען־מאַן, קיין װאָרט נישט געװאָלט רײדן, װאָס שעמט זיך אַפילו פאַר די אויגן צו װיזן? און װאָס װאָלטן אירע עלטערן געזאָגט?

נאָר אָט האָט זי באַמערקט, אַז מען קוקט אויף איר. איר פּנים איז פּלוצלינג געװאָרן רוהיג, אומבאַװעגט, און איך האָב זי

דערקענט, — זי, די רוהיגע, פרומע און שעמעוודיגע חנהלע! איך האָב שיער ניט קיין געשריי געגעבן פאַר איבערראַשונג... דער ערשטער געדאַנק, וואָס האָט ווי אַ קלאַפּ געגעבן אין מיין מוח, געדיינק איך, איז געווען, אַז איך האָב אַ טעות געהאַט, מיין אייגנליבע האָט מיך געגנאַרט: זי איז נישט קיין שעמעוודיגע, נישט פאַר צניעות האָט זי גאַנצע חדשים מיט מיר קיין וואָרט נישט גערערט, נאָר וויל איך אַליין בין איר געווען דערווידער, זי האָט מיך נישט געקאָנט ליידן — פּשוט! איך האָב געקריצט מיט די ציין פאַר כּעס אויף זיך, אויף מיין מכלומרשט רחמנות האָבן אויף איר, אויף מיין ביינקעניש די גאַנצע צייט, און דער עיקר — אויף איר, אויף דער חסידישער טאָכטער...

אין טעאַטער איז שוין לאַנג פינסטער געווען. די מוזיק האָט מיך איצט נישט אינטערעסירט, איך בין געזעסן אויפן אָרט, האָב צונויפגעלעגט די הענט אין אַ פאַרמאַכטן פויסט און האָב געטענעט: ווי האָט זי ראָס אַ העזה צו גיין מיט אַ פרעמדן יונג אין טעאַטער?! ווי קאָן ראָס אַ חסידישע טאָכטער טון?! ווי קאָן מען זיין אַזוי פאַלש?! אין די מינוטן האָט איר דער פאָטער אירער ניכער געקאָנט מוחל זיין די עבירה, וואָס זי האָט געטאָן, איידער איך...

דער צווייטער אַקט האָט, צו מיין גליק, נישט לאַנג געדויערט, און איך האָב זיך געאײלט אָפּגעבן אַ רעכענונג, וואָס איך וויל דאָרט טון. איך האָב נישט לאַנג באַדאַרפט וואַרטן. פון טעאַטער אין קאָרידאָר אַריין האָב איך באַלד דערזעהן אַרויסגיין חנהלען, און נעבן איר אַ יונגערמאַן, זעהר עלעגאַנט געקליירעט, מיט אַ ראַזירטער באָרד און מיט לאַנגע וואָנצעס. זי האָט מיך באַלד דערזעהן, און איר פּנים האָט אויסגעקרימט עפּעס אַ מאָרנע גרימאַסע. מיר איז פּלוצלינג אַ רחמנות געוואָרן אויף איר. איך וואָלט מיך באַהאַלטן, ווען איך וואָלט געקאָנט. ראָס אַלץ האָט אָבער נישט מער געדויערט, ווי עטליכע סעקונדעס; איר פּנים איז ווידער רוהיג געוואָרן, זי האָט עפּעס געדערדט צום יונגענמאַן און איז צוגעגאַנגען צו מיר פאַמעליך, רוהיג, ווי קיינמאָל גאָרנישט, און האָט מיר דערלאַנגט די האַנט:

— אַ, פֿאַניע ק.! זי ווינען אויך דאָ? וואָס מאַכט מען עפּעס גוטס?

מײַנע פּיס האָבן געציטערט אונטער מיר, איך האָב מורא געהאַט, אַז איך זאָל נישט קריגן אויפֿן אָרט היסטעריע. איך האָב אַפֿילו נישט געטראַכט איר מײַן האַנט צו דערלאַנגען. איך בין געשטאַנען ווי צוגעמויערט, זי האָט די דערלאַנגטע האַנט אירע צוריקגענומען און האָט געוואָלט אַוועקגיין.

— חנהלע... האָב איך קוים אויסגערעדט און האָב אָנגענומען זי פֿאַר דער האַנט, עפּעס נישט ווי מיט מײַן ווילן. זי האָט אָפּגערוקט איר האַנט, האָט מיך אָנגעקוקט און געזאָגט:

— לאָזן זי געמאַך, איך בעט אײַך... ס'איז נישט שיין.

— חנהלע... האָב איך ווידער געמורמעלט און האָב נישט געוואוסט, וואָס מען רעדט. דער יונגערמאַן איז געשטאַנען אין דער זײַט, האָט געדרייט די וואָנצעס און האָט קאַלט געקוקט אויף אונז.

— איך האָב קיין צײַט נישט — האָט זי זיך פֿאַרענטפֿערט — איך מוז אַהיים גיין, זי זעהען דאָך, ס'איז ערשט נאָכן צווייטן אַקט...

זי האָט גענומען אַוועקגיין, איך האָב ווידער געפֿילט, אַז איך פֿאַרליר זי אויף אייביג.

— איך וועל זי שוין קיינמאָל מער נישט זעהן? האָב איך כמעט ווי אויסגעשריען.

— פֿאַרוואָס? — האָט זי געענטפֿערט מיט אַ שמייכל, מיט דער מוטערס שמייכל — איך לאָז עפּעס נישט קוקן אויף מיר? זי בדויכן מיך עפּעס צו זעהן? האָט זי געפֿרעגט מיט אַן ערנסטער שטים און געקוקט מיר אין די אויגן אַרײַן, פֿאַרשנדריג.

— יאָ, איך בדויך זי צו זעהן ,איך מוז זי זעהן... זי האָט אויסגעזעהן צו זיין זעהר פֿאַרלייגן, און האָט נישט געוואוסט, וואָס צו ענטפֿערן. זי איז צוגעגאַנגען צום קאַוואַליער. זיי האָבן עפּעס גערעדט צווישן זיך, איך האָב פֿון דערווייטן געזעהן, ווי ער האָט אַרויסגענומען דאָס בייטעלע און האָט איר געוויזן, אַז ער האָט נישט קיין געלט. איך האָב נישט געוואוסט, וואָס דאָס אַלץ זאָל באַטײַטן. זי איז צוגעגאַנגען צו מיר און האָט געזאָגט:

— אויב זי ווילן, קאָנען זי מיך ועהן מאָרגן זיבן פאַרנאַכט...
זי האָט אָנגערופן די גאַס און דעם נומער און איז באַלד אַוועקגעגאַנגען.

איך בין אויך אַרויס באַלד פון טעאַטער, און אין מיין מוח האָט אָנגעהויבן אַלץ קלאָרער צו ווערן. אין מיינע אויערן האָט געקלונגען איר געלעכטער, וואָס איך האָב אַמאָל געהערט. ניין! זי איז נישט געווען קיין כשרע פרומע נשמה, ווי איך האָב געמיינט. זי איז, ווי עס זעהט אויס, גאַנץ געניט געווען צו רייִרן מיט יונגע־לייט, אויב זי האָט מיך אַזוי רוהיג באַגעגנט. אין דערהיים האָט זי זיך עקסטרע מיט מיר אַזוי געהאַלטן, כּדי עס זאָל אויף איר קיין שום חשר נישט פאַלן... איך האָב געלעבט אין עפּעס אַ פאַרבלענדונג.

V

זי האָט אויף אַ מינוט נישט פאַרשפּעטיגט. פּונקט אַיינער זיבן איז זי אָנגעקומען מיט גיכע, לייכטע טריט; האָט מיך גלייך דערזעהן און האָט מיר דערלאַנגט די האַנט:

— אָ! ועהען זי! האָט זי געזאָגט און געוואָלט צוריקנעמען מכּלומרשט די האַנט — איך האָב דאָך גאָר פאַרגעסן! איר נעמט דאָך נישט די האַנט; איר זענט אַזאַ פרומער? יאָ?

נאָר איך האָב זי נישט געלאָזט צוריקנעמען די האַנט. נאָך דעם אַלעם, וואָס איך האָב מיך אָנגעליטן פון חנהלען, נאָך די נעכט אָהן שלאָף און טעג פון בּיינקעניש און טרויער האָב איך איצט אויף איר געוואַרט, ווי מען וואַרט אויף אַ נייַ אומבאַקאַנט גליק, איך האָב געהאַלטן איר האַנט אין מיינער און געטראַכט: איז דאָס אַלץ? איז דאָס חנהלע? ליב געהאַט און געבּיינקט האָב איך גאָר נאָך אַן אַנדערער: נאָך אַ פרומער, שעמעוודיגער, וואָס האָט מורא אויף אַ מאַנספּאַרשוין אַ קוק צו געבּן. זי האָט באַפרייט איר האַנט פון מיינער און האָט געזאָגט:

— זי האָבן זיך געכטן פֿאַרזואונדערט? אַוראַי, יאָ! וואָס מײַנען זי, איך קאָן נישט קײן צוויי צײלן? איך ווײס נישט, אַז די מאַמישי נייט מיטן פֿעטער אין טעאַטער אַרײַן? די מאַמישי לאָזט מיך קײן וואָרט נישט רײדן מיט קײנעם. פֿרעג איך זי, פֿאַרוואָס? ס׳איז עפּעס אַן עבירה? זאָגן זי? זי קאָנען דאָך אַוראַי לערנען — אַלע ליטוואַקעס קאָנען לערנען — ס׳איז עפּעס אַן עברה? —

איך בין איצט געווען פֿאַרנומען מיט מײַנע אײגענע געדאַנקען און האָב זי ווייניג געהאָרכט. נײן, נײן — האָב איך געשמײכלט. איך האָב עפּעס געפֿילט אין אירע רײד, אַז זי וויל מיר עפּעס זאָגן און זוכט נאָר אַרויסצופֿירן דעם שמועס אויף דעם. וואָס וועט זי מיר זאָגן? איך האָב גענומען איר האַנט און צוגעפּרעסט צו מײַנע ליפּן. זי האָט מיר דאָס נישט געווערט. איך האָב אָבער באַלד אַרויסגעלאָזט איר האַנט. געקושט האָב איך אַן אַנדערע. אמת, אַ שײן מײדל, נאָר אַ פֿרעמדס! אַ צופֿעליגס. אין האַרץ האָב איך געפֿילט, אַז אָט איצט, באַ דעם דאָזיגן געשפּרעך, האָב איך פֿאַרלאָרן עפּעס זעהר טײַערעס און וויכטיגעס, וואָס וועט אפשר שוין קײנמאָל נישט צוריקקומען, און מיר איז אַ שאָד געווען און פֿאַרדראָסן האָט מיך עפּעס... זי האָט איבערגעהאַקט די שווערע שטילקײט:

— איך בעט זי זעהר, זי וועלן נישט דערצײלן באַ אונז אין דערהײם?

איר שטים איז געווען געבראָכן. זי האָט פּלוצלינג אָפּגעהאַקט און געוואַרט אויף אַן ענטפֿער. איך האָב מיך מער נישט געקאָנט אײַנהאַלטן:

— אַזוי?! האָב איך געענדט מיט כּעס — אויף דעם האָבן זי מיך גערופֿן הײַנט?

נאָר זי האָט נישט פֿאַרשטאַנען דעם טאָן פֿון מײַן פּרעטענזיע. זי האָט גערעכנט פּשוט, אַז איך וויל מיך באַנוצן מיט דעם פֿאַל, און האָט מיר פֿאַרגעלעגנט דרײַ רובל, איך זאָל שווײַגן.

— איך בעט זי, זאָגן זי נישט — האָט זי זיך אָנגעהויבן צו בעטן. מיך האָט שוין אָנגעהויבן צו עקלען.

— באַהאַלטן זי די דריי רובל! — האָב איך געזאָגט שטרייננ — איך וועל נישט זאָגן... איך בין פלוצלינג ווייכער געוואָרן און האָב גענומען ריירן ווייכער.

— ווייסן זי וואָס, חנהלע? קומט, מיר וועלן אַביסל גיין... און מיר האָט זיך דערוויל דערוועקט אַן אַנדער געפיל... די אויגן מיינע האָבן געמווט האָבן אַ שלעכטן גלאַנץ: אַ גירינגן, כיט־רען... מיר זיינען געגאַנגען שטיל. אַריינקומענדיג אין אַ שמאָלער, שטילער גאַס, האָב איך זיך אָפּגעשטעלט און האָב געמאַכט אַ באַוועגונג זי אַרומצונעמען, נאָר זי איז געבליבן שטיין אויפן אָרט, האָט שטריינג געקוקט אויף מיר און האָט געגראָזיעט מיטן פינגער:

— ע, ליטוואַק! — ניין! האָט זי געזאָגט מיט כעס. און זי האָט געקאָנט באַפעלן. איך בין געבליבן שטיין פון דער ווייטן און האָב נישט געוואַגט זיך צו ריירן פון אָרט.

— אַ גוטע נאַכט! — האָב איך קוים אַרויסגערעדט און בין געגאַנגען מיין וועג מיט גיכע טריט. מיך האָט געעקלט מיין גראָבקייט, מיין ליבע, די דריי רובל, די וועלט... עס האָט זיך מיר געוואָלט באַהאַלטן פאַר זיך אַליין...

— ליטוואַק! דריי רובל נעמען זי! — האָט זי מיר נאָכגעשריען, און דאָס זיינען געווען די לעצטע ווערטער פון מיין געליבטער.

א קורסיסטקע

I

צווישן יערן קרייז מענשן געפינען זיך שטענדיג אַזעלכע פּער־זאָנען, וואָס פאַרדינען אַ הסכּמה פון אַלע צוגלייך, וואָס ויינען אומעטום בּאַרימט, פון אַלע נעליבּט, וועלכע מען דערמאָנט נאָר צום גוטן, און קיין שלעכטס, רוכט זיך, שיקט זיך נישט פון זיי צו רייד. אַזאַ מין פּערזאָן איז געווען צווישן אירע חבֿרטעס־קורסיסטקעס ל י ו בּ אַ איסאַקאָוונאַ פּ י ד ל ע ר.

„כאַראָשי טשורני טשעלאָוויעק“ — האָט זיך אָנגעהויבּן און געענדיגט יערעס געשפּרעך וועגן איר.

שטענדיג אַבּיסל מעלאַנכאָליש געשטימט, וואָס מען **האָט** גע־קאָנט דערקענען אין אירע בּיינקענדיגע אויגן און אומעטיגן קורצן שמייכל, איז זי דאָך געווען שטענדיג הייטער, גרייט צו אינטערע־סירן זיך מיט פרעמדע זאָרגן. זעלטן אָבּער האָט זי זיך נעקלאָגט פאַר עמיצן. מען האָט געקאָנט מיינען, אַז זי איז א י י ן גליקליכע צווישן אירע חבֿרטעס, די פאַרוואָגלטע נשמות, וואָס פירן געוויינליך אַ לעבּן פול אומצופרידנקייט, לאַנגווייליגקייט און נויט.

אַליין איז זי געווען אַ מיידל פון אַ יאָר צוויי און צוואַנציג, אַ הויך־געוואַקסענע שאַטינקע מיט אַ שלאַנקער, רירעווריגער פיגור, מיט אַ ווייך, אַבּיסל לייגגליך, נאָר זעהר איידל געזיכט און מיט אומעטיגע קלאָרע אויגן. עפּעס אויסטערלישעס שיינס איז שווער געווען אין איר צו געפינען. זי איז געווען איינע פון יענע פרויען, וואָס גילטן נישט פאַר שיינע, ווי לאַנג אַ קינסטלעריש אויג, אָדער גלאַט אַ פאַרליבּטער בּליק אַנטפּלעקט נישט ווייער האַרמאָניע און שיינקייט. אין פאַרלויף פון די לעצטע צוויי יאָר, וואָס זי האָט שטודירט אין וואַרשע אויף אַקושאָרקע־פעלדשערין,

האָט קײנער זיך אין איר נישט פֿאַרליבט, קײנער האָט זי נישט נערימט פֿאַר אַ שײנע. און זי אַלײן האָט אױך אױפֿגעהערט צו גלױבן, אַז זי איז שײן און קאָן געפֿעלן.

מיט עטליכע יאָר צוריק, װען זי איז געװען אין גימנאַזיע אין איר געבורטס־שטאָט אין דרום־רוסלאַנד, האָט מען זי געהאַלטן פֿאַר אַ שײנע. זי האָט ליב געהאַט זיך שײן צו קלײדן, און קײן שום זאַך האָט איר נישט געקאָנט פֿאַרשאַפֿן אַזױ פֿיל פֿאַרגעניגן, װי אַ נײע װײסע בלוזע, װען זי איז שײן און גוט געלעגן אױף איר. זי איז געװײנט געװען צו פֿאַרליבטע בליקן, צו לאַסקעס און צו זײן די ערשטע אומעטום. נאָר דאָס איז געװען אַמאָל. איצט איז זי אַן אַנדערע, געפֿעלט נאָר פֿאַר עפּעס אַנדערש און נאָר אױף אַן אַנדער אופֿן.

געלעבט האָט זיך איר נישט בעסער פֿאַר אירע חברטעס, אױב נאָך נישט ערגער און אומעטינער. זי האָט באַקומען פֿון דערהײם אַרײנגעשיקט צװאַנציג רובל אַ חודש, װעלכע האָבן קױם גע־קלעקט אױף צו װאױנען, צוזאַמען מיט נאָך אַ קורסיסטקע, אין אַ בוידעם־צימער אױפֿן פֿערטן שטאָק און צו דערנערן זיך אַזױ פֿיל, אום נישט צו לײדן קײן הונגער. נאָר אױך די צװאַנציג רובל זײנען נישט שטענדיג געקומען צו דער צײט. זי האָט געװאוסט, אַז אירע עלטערן קומט נישט אָן לײכט אָפּצושפּאָרן דאָס געלט, און האָט דערפֿון אינערליך זעהר פֿיל געליטן. דאָס לעבן אירס איז דורכגעגאַנגען אין לערנען די לעקציעס, אין אַרבעט אין שפּיטאָל, אין לעזן, מערסטנטײלס אומלעגאַלע בראָשורן. אין דערהײם האָט אױף איר געװאַרט דאָס אײנגע צימער מיטן פֿענסטער, װאָס איז אַרױסגעגאַנגען אױפֿן דאַך, מיט די קרומע װענט; טײ, װאָס זי האָט געקאָכט אױף דער מאַשינקע, און איר ליבע חברטע קראַטאָװאַ, אַ רוסין פֿון מאָסקװער גובערניע, אַ פּאָפּס אַ טאָכטער. דאָס איז געװען אַ געזונט, פֿעסט־געבױט, שײן און גוטמוטיג באַשעפֿעניש, מיט שמײכלדיגע אױגן און שעמעוו־דיגע, געלאַסענע באַװעגונגען, אַ שװײגנדיגע און אַ רוהיגע. צו פֿירלער האָט זי געפֿילט אַ שטאַרקע סימפּאַטיע, נאָר אױך דאָס געפֿיל האָט זי געקאָנט אױסדריקן מער מיט אַ געלעכטער און אַ שטומער באַװעגונג, אײדער מיט װערטער.

עס האָט געטראָפֿן, אַז די ביידע קורסיסטקעס זײַנען געזעסן אין צימער, ווען דער קורצער ווינטער־טאָג האָט שוין געהאַלטן באַם עק. אַ טונקלקייט האָט אָנגעפּילט דאָס איינגע צימער, און אין די ווינקלאַך איז שוין געווען אינגאַנצן פֿינסטער. קיין געלט אויף נאַפֿט איז ניט געווען. ביידע האָבן שטיל געוואַרט אויף אַ באַקאַנטן, וואָס זאָל קומען און באָרגן קליין־געלט. פּירלער איז געזעסן נעבן פֿענסטער, אָנגעשטריינגט די אויגן און געלעזן אַ בוך. קראַטאָוואַ האָט גענומען גלעטן אירע האָר, פֿאַר־פֿלעכטן זיי און צעפֿלעכטן, און האָט זיך רערלויבט צו לאַכן הויך אויפֿן קול, וואָס באַ דער העלער ליכט פֿון טאָג האָט זי זיך עפּעס ווי געשעמט צו טון. פּירלער האָט אַלץ געלעזן, און איר בליק האָט זיך געראַנגעלט מיט דער טונקלקייט, וואָס איז געוואָרן געדיכטער און געדיכטער.

— גענוג שוין דיר צו לעזן. דו מאַכסט דיר קאַליע די אויגן,— האָט קראַטאָוואַ געזאָגט, און אין דער טונקלקייט האָט זיך געזעהן דאָס בּרייטע געלעכטער און די מילדקייט, וואָס זײַנען געווען אויסגעגאָסן אויף איר פּנים.

פּירלער איז אויפֿגעשטאַנען, געבראַכט די האָר אין אָרדענונג און גענומען אַ פֿלאַש אין דער האַנט צו ברייגגען נאַפֿט. די חברטעס האָבן זיך אָנגעקוקט מיט אַ שטומען שמייכל.

— ווי מיינסטו? דער קרעמער וועט געבן אויף באָרג? איך וועל פּרובּירן.

— דער הונט וועט ניט געבן, — האָט קראַטאָוואַ זי אָפּ־געדערט. גיי נישט בחנם, זעץ זיך ליבּער.

די חברטעס זײַנען געבליבן אין דער פֿינסטער און האָבן גע־שמועסט פֿאַרטרויליך. פּירלער האָט פֿאַנטאַזירט וועגן איר צוקונפֿט. איר האַרציגע שטים האָט איצט געקלונגען נאָך באַזונדער ווייך:

— אַז איך וועל ענדיגן, וועל איך אַרייַנטרעטן אין רינגסט באַ דער זעמסטווע, וועל וואוינען אין דאָרף; איך וועל היילן, וועל נוצליך זיין אויף יעדן טריט, וועל פֿירן פּראָפּאַגאַנדאַ. דאָס וועט זיין אַן עכט לעבן, נשמה מיינע; נישט אַזוי ווי דאָ, וואו מען קאָן שטאַרבן פֿאַר לאַנגווייליגקייט.

— און חתונה האָבן װעסט דו נישט? — האָט קראַטאָװאַ געפרעגט שטיל.

פירלער האָט זיך פאַרטראַכט און געענטפערט:

— פאַרװאָס נישט חתונה האָבן? אויב עס װעט זיך טרעפן אַ מענש לויט מיין האַרץ און װעט װעלן אַרבעטן צװאַמען אין דאָרף, — פאַרװאָס נישט? איבעריגנס, װעל איך קיינמאָל נישט חתונה האָבן. איך בין דאָך נישט קיין שיינע. מיך װעט קיינער נישט ליב קריגן, און אָהן ליבע װיל איך נישט חתונה האָבן, קיינמאָל נישט.

—ניין, דו ביסט אַ שיינע, אויף מיין ערליך װאָרט — אַ שיינע...

— דו ליינסט, שעלמאַ! — האָט זיך פירלער אָנגערופן מיט אַ געלעכטער. ביידע האָבן זיך הויך צעלאַכט.

אַזעלכע נעשפּרעכן האָבן זיך געקאָנט לאַנג פאַרציהען, ביז עס איז געקומען װער פון די באַקאַנטע און האָט געבאָרגט קליין־געלט. אין צימער איז געװאָרן ליכטיג, און די חברטעס איז עס פאָרגעקומען, װי זיי װאָלטן דורכגעלעבט עפּעס אַ חלום, און האָבן זיך אָנגעקוקט איינע די אַנדערע מיט אַ שמייכל.

עס איז געװאָרן טיי, באַלד זיינען געקומען נאָך באַקאַנטע, מען האָט גערעדט, געשפּאַרט זיך, געלאַכט, געזונגען לידער און גערוישט און געלאַרעמט. נאָר אַ מאָרגנע זאַך, פירלער, די געליבטע פון אַלע, האָט װייניג מיטגעלאַרעמט און האָט זיך געהאַלטן אַביסל פון דער װייטן. צו די רייד האָט זי זיך צוגעהערט, נאָר אַליין האָט זי זיך נישט נעקאָנט שפּאַרן. װאונדערליך און פאַרדראָסיג איז איר געװען, װען זי האָט געהערט ריידן אַזױ שנעל און לייכט װעגן דעם אַלעם, װאָס האָט זי טיף אינטערעסירט און פאַר װעלכע זי האָט געהאַט אַזױ װייניג װערטער.

„איך בין קיין העלדין נישט — האָט זי פיל מאָל געטראַכט פאַר זיך — איך װייס װייניג, האָב װייניג קרעפטן, װייניג פאַרשטאַנד. נאָר איך װעל טון אַלץ, װאָס איך קאָן: ענדיגן און אַרבעטן אין דאָרף“.

באַלד איז איר אויסגעקומען איבערצייגן זיך, אַז זי איז קיין העלדין נישט.

II

אַמאָל איז פירלער אַהיים געקומען שפּעט בײַנאַכט פון טעאַטער זעהר לוסטיג און אויפגערעגט. זי האָט געטראָפן זיצן איהר חברטע, איינגעהילט אין אַ טוך, מיט פאַרשלאָפענע אויגן, ציטערנדיג פאַר קעלט. פירלער האָט אַרויסגעדרייט די לאָמפּ, אויפגעלאָזט זיך דעם פאַס פון דער טאַליע און האָט גענומען דערציילן מיט באַגייסטערונג וועגן דער אָפּער. איר איז אַ שאָר געווען צעשיידן זיך פון דעם לוסטיגן געמיט, וואָס זי האָט מיט־געבראַכט פון טעאַטער. אין אירע אויערן האָבן געקלונגען די טענער, אין קאָפּ האָבן זיך נאָך געטראָגן הערליכע פאַרביגע בילדער, און דאָ, אין צימער, איז געווען אַזוי טרויעריג, אַזוי טונקל, אַזוי לאַנגווייליג!

— און איך האָב מיך היינט באַקענט מיט אַ יונגענמאַן אין טעאַטער — האָט זי דערציילט איר פאַרשלאָפענע חברטע — אַ מאָרנער עפּעס, אַ בורזשוי מיט אַ גאָלדענעם זייגער און אַ פראַנט, וואָג איך דיר, און אַ ריצער! ער האָט מיר אָפּגעטראָטן זיין אָרט און געמאַכט מיר קאָמפּלימענטן, אַך, ווי לעכערליך דאָס איז געווען! באַטיסטיני האָט אַזוי געטליך געזונגען, און איך בין מיר געזעסן ווי אַ פּריצה, און דער ריצער איז זיך געשטאַנען אין אַ ווינקעלע.

איר האָט זיך געוואָלט נאָך ריידן און דערציילן, נאָר קראַטאָוואַ איז געווען שלעפעריג. פירלער איז אַנטשוויגן געוואָרן און האָט זיך פאַרטראַכט.

עפּעס דורך אַ וואונדערליכן צוזאַמענהאַנג האָט זי זיך דער־מאָנט אָן די אַמאָליגע יאָרן, ווען זי איז געווען אַ גימנאַזיסטקע, פרייליך האָבן געפלאַקערט און געקנאַקט די שטאָלקאַרצן, דער אָרקעסטער האָט געשפּילט; ווי זי האָט זיך געגליטשט און ווי פרייליך איר איז דערביי געווען, און ווי הויך זי האָט געלאַכט, און ווי מען האָט איר שטילערהייט איינגערוימט קאָמפּלימענטן אין אויער... און נאָך פיל, פיל אַנדערע זאַכן האָבן זיך געטראָגן אין איר אויפגערעגטן קאָפּ.

באַלד זײַנען די חברטעס געלעגן אין בעט, װאו זײ זײַנען צו־זאַמען געשלאָפן:

— װײסט, מאַריאַ? — האָט פּירלער געװעקט איר חבר־טע — ער איז דאָך אַן אינטעליגענט, אַ דאָקטאָר.

זי האָט זיך גראָד דערמאָנט, אַז פאַרן אַרויסגײן האָט ער איר זיך פאָרגעשטעלט מיטן נאָמען דאָקטאָר װײַנשטײן.

— װער דען? — האָט קראַטאָװאַ געפרעגט פאַרשלאָפן.

— נו, דער ריצער, װאָס האָט מיר אָפּגעטראָגן זײַן אָרט. דו שלאָפסט?

— יאָ, ליבע, מיר װילט זיך שלאָפן.

אַ דראָזשקע איז דורכגעפאָרן אויף דער גאַס, די שויבן פון די פענצטער האָבן געציטערט. עפּעס האָט מען געקלונגען אין טויער. שאַ! טריט האָבן זיך געהערט... צי קומט מען דאָס ניט אויף אַ רעװיזיע און מען װעט זי אַרעסטירן? —

„װאָס פאַר גרעאַנקען מיר קריכן עפּעס הײַנט אין קאָפּ!“ — האָט זי זיך געבײזערט אויף זיך.

דער טעאַטער פלעגט זי געװײנליך אויפרעגן. דאָס איז געװען דאָס אומגעװײנליכע, דאָס יום־טובדיגע אין איר לעבן. נאָר הײַנט איז דערצו צוגעקומען נאָך אַ נײַער געפיל: דער יונגערמאַן, די קאָמפּלימענטן, דאָס, װאָס זי איז אַזױ געפעלן...

נאָך אויפן אַנדערן טאָג האָט זי זיך געפילט נישט װאָכעדיג, ניט װי געװײנליך.

נאָר מאַלע װאָס פאַר אַ חלום עס פליהט נישט דורך אין אַן אײנזאַם לעבן און פאַרשװינדט גיך, װי אַ בליץ! פּירלער װאָלט שוין געהאַט פאַרגעסן אָן דער גאַנצער געשיכטע. צופעליג אָבער, גײענדיג אַמאָל נאָך מיטאָג דורך דער גאַס מיט אירע גיכע טריט, האָט זי באַמערקט רעמזעלבן „פראַנט און ריצער“, דעם ד״ר װײַנשטײן. אַ מאַן פון אַ יאָר עטליכע און דרײַסיג איז דאָס געװען, מיט אַן אינטעליגענט, אַביסל מאַט פּנים, מיט בלאָנדע דיקע װאָנצעס; אויף בײדע זײַטן אויף זײַן פּנים, באַם מויל, זײַנען געלעגן צװײ טיפע קנײטשן און קלײנע קנײטשלאַך האָבן

זיך אויך געזעהן אַרום די גרויסע קלאָרע אויגן. געגאַנגען איז ער פאַמעליך, קענטיג, ער האָט שפּאַצירט. ווי האָבּן זיך בּיידע חי אומגערן אָפּגעשטעלט און געשמייכלט. ער איז צופרידן געווען זי צו טרעפן, האָט זי געפרעגט, וואו זי גייט, און בּאַקומענדיג אַן ענטפער, אַז זי גייט אַהיים, האָט ער זי בּאַלייט.

— נאָר איילט אייך נישט. איך האָבּ נישט ליב צו לויפן, — האָט ער געזאָגט.

חי אַלע יונגע מענשן, האָט אויך פ י ר ל ע ר געהאַט פיל צו פרעגן; ד״ר ווינשטיין האָט גערן געענטפערט אויף אַלע אירע פראַגעס. זי איז געוואָר געוואָרן פון זיינע רייד, אַז ער איז אַ זון פון זעהר רייכע עלטערן, וואָס וואוינען אויף דער פּראָחינץ אין אַ שטעטל אין קאָוונער גובּערניע; אַז ער אַליין האָט לאַנג געלעבּט אין אויסלאַנד, געענדיגט ראָרט אַלס ד״ר מעדיצין; אַז מיט מעדיצין בּאַשעפטיגט ער זיך גיט און אַז ער לעבּט דערווייל „אַזוי״ אין וואַרשע. דאָס וואָרט „אַזוי״ האָט ער אַרויסגערערט מיט אַ האַלבּן שמייכל, אין וועלכן עס איז געלעגן עפּעס אַן אַרט איראָניע פון זיך אַליין. פ י ר ל ע ר האָט אים אָנגעקוקט פאַרוואונדערט און האָט געפרעגט:

— וואָס זשע טוט איר דאָ?

— שווער צו זאָגן. גאָרנישט.

— גאָרנישט?

— גאָרנישט. — האָט ער געענטפערט מיט רעמזעלבּן שמייכל—צי וואונרערט דאָס אייך? איך בּין רייך, איך מיין צו זאָגן: איך האָבּ רייכע עלטערן. די נויט טרייבּט מיך נישט אַרבּעטן, קיין אינערליכער פאַרלאַנג — אויך נישט. איך בּין אַ בּורושוי, — האָט ער זיך געוויצלט.

— נאָר דאָס, רוכט זיך, מוז זיין לאַנגווייליג, נישט וואָר?

— אַבּיסל לאַנגווייליג.

אַז זיי זיינען צוגעקומען פאַר איר טויער, האָט ער זיך אָפּ־געשטעלט, עפּעס געטראַכט און געזאָגט:

— ווייסט איר וואָס — איך וואָלט מיך געוואָלט מיט אייך עפּטער בּאַגעגענען.

— צו וואָס? — האָט זי געפרעגט אַביסל נייגעריג, אַביסל קאָקעט, קוקנדיג אים גלייך אין פנים אַריין מיט איר אָפענעם אומעטיגן בליק.

— כאָטש צוליב לאַנגווייליגקייט. ניין, אין אמתן — האָט ער געזאָגט מיט אַן ערנסטן טאָן — איך בין דאָ, אין וואַרשע, נאָר פרעמד, כמעט וואָס איך האָב נישט קיין איינציגן באַקאַנטן אינ־טעליגענטן מענשן, און מיר וואָלט זעהר אַנגענעם געווען צו טרעפן זיך מיט אייך.

ו ו י י נ ש ט י י ן האָט, טראָץ זיין „אומבאַגאַבטער נאַטור“ (ער האָט זיך אַליין אַזוי אָנגערופן און געהאַלטן זיך פאַר אַ מענשן, וואָס לעבט אויף דער וועלט אָהן שום נוצן פאַר אַנדערע און אָהן פאַרגעניגן פאַר זיך), געהאַט איין גרויסע מעלה, וואָס האָט אים צייטנווייז געמאַכט זעהר סימפּאַטיש. ער איז פיל מאָל — ווען ער האָט דאָס געוואָלט — געווען ערנסט, קינדיש ערנסט, און אָפנ־האַרציג. דעמאָלט איז זיין טאָן געוואָרן אַנדערש, אָהן איראָניע, און דער אויסדרוק פון זיין פנים — אַן אַנדערער. די לעצטע ווערטער האָט ער גערעדט מיט ד ע ם ערנסטן טאָן, און פ י ד ל ע ר ן איז ער מיט איין מאָל געפעלן געוואָרן.

— מעגליך, — האָט זי געענטפערט — אויב איר ווילט, קומט אַרויף צו מיר. נאָר, באמת, איך ווייס נישט, צי וועט אייך מיין קוואַרטיר געפעלן. איר זייט דאָך אַ בורזשוי...

— נו, רעדט נישט קיין נאַרישקייטן.

נאָר בײַ איר אין שטוב האָט זיך דער געשפרעך ניט גע־קלעפט. ער האָט דערציילט פון זיין סטודענטיש לעבן אין אויס־לאַנד, געמאַכט זיך לוסטיג פון דער איינגשאַפט און טונקלקייט פון צימער (ער האָט געפונען, אַז די קרומע ווענט זיינען אינטערע־סאַנטער, ווייל זיי זיינען רייכער אין ליניען און ווינקלען). נאָר די וויצן זיינען נישט געווען אויפן אָרט, און ווי נאָר ק ר אַ ט אָ וו אַ איז אָנגעקומען האָט ער זיך געזעגנט און אַרויסגעגאַנגען.

— ווייסט — האָט פ י ד ל ע ר דערציילט ק ר אַ ט אָ וו אַ ן — דאָס איז דאָך דערזעלבער דאָקטאָר, מיט וועמען איך האָב מיך באַקענט אין טעאַטער, זעהר אַ אינטערעסאַנטער, אַ געבילדעטער.

— אַ סאָציאַל־רעוואָלוציאָנער?

— ניין. ער איז, רוכט זיך, גאָרנישט, נאָר פּאָרט אַ אינטע־רעסאַנטער. ער לאַנגווייליגט זיך און זוכט באַקאַנטשאַפט מיט אינטעליגענטע מענשן. וואָס פאַרשטייסטו דאָ נישט?

— צי נאָר נישט קיין שפּיאָן?

— רייד נישט. דו קענסט ראָך אים נישט.

און פידלער האָט אָפּגעהאַקט דעם געשפּרעך.

און אין עטליכע טעג אַרום האָט זי באַקומען אַריינגעשיקט אַ בילעט אין טעאַטער מיט אַ בריוול פון ר״ר ווײַנשטײַן, וואו ער האָט זי אין קורצע ווערטער געבעטן קומען אָוונטס אין טעאַטער אויף וואַגנערס אָן אָפּער. זי האָט אים שוין באַגעגנט, ווי אַן אַלטן באַקאַנטן.

— איר זייט זעהר אַ ליבליכער, — האָט זי געזאָגט אַביסל איראָניש, — מיר האָט זיך זעהר געוואָלט גיין אויף וואַגנער, שרעקליך, ווי איך האָב אים ליב! און דעם אמת זאָגנדיג, האָב איך ניט געהאַט קיין געלט. אָט האָט איר געראַטעוועט. אַ דאַנק!

פון דעם גאַנצן מאָנאָלאָג איז דאָס לעצטע וואָרט „אַ דאַנק" געזאָגט געוואָרן אַזוי נאַטירליך און פריי, אַז זיי האָבן זיך ביידע עפּילט גוט דערביי.

וואָס פאַר אַ פרייליכער אָוונט דאָס איז געווען! געווייגליך האָט זי אין טעאַטער געהאַט אַ פּלאַץ אויף די אויבערשטע בייגק, וואו זי האָט געמוזט אַ גאַנצע צייט שטיין און היטן דאָס גלייב־געוויכט פון קערפּער, זי זאָל נישט פאַלן. אין אַזאַ פּאָזע האָט זי צום ערשטן מאָל באַמערקט ר״ר ווײַנשטײַן. זי איז גע־שטאַנען אויף אַ באַנק, אָנהאַלטנדיג זיך פאַר אַ סלופּ, און איר געבויגענע שלאַנקע פיגור האָט געהאַט גאָר אַ באַזונדערן רייץ. איצט איז זי געזעסן קעגן דער סצענע, פריי, אומגעשטערט. אויסער דעם איז איר ווײַנשטײַן איצט פאָרגעקומען נאָך ליבליכער ווי פריהער. ער איז געזעסן רוהיג, עפּעס אַן ערנסט איז געווען אויף זיין פּנים, און זי האָט דערין צום ערשטן מאָל באַמערקט אַ טיפן אַלטן אומעט, אַן אומעט, וואָס איז צוזאַמענגעוואַקסן מיט דעם מענשן אַזוי, אַז ס׳דוכט זיך, דער האָט גאָרנישט אַנדערש געקאָנט באַשאַפן ווערן ווי נאָר מיט אים.

פון טעאַטער זײַנען זײ נאָך געגאַנגען אין אַ קאַפע. פּירלער איז געװען, װי געװײנליך נאָכן טעאַטער, לוסטיג־אויפגערעגט, און דאָ איז נאָך געװען אַזױ פיל ליכטיגקײט, אַזױ פיל גלאַנץ...

„װי אַנגענעם דאָס איז צו האָבן געלט"! — האָט זי געטראַכט. אירע אױגן האָבן העל געפינקעלט, איר לײַכטער, רירעװדיגער קערפּער האָט אויסגעזעהן נאָך פרישער, נאָך גראַציעזער. זי האָט באַמערקט, װי פון אַלע זײַטן װענדן זיך בליקן אויף איר... ד״ר װײַנשטײַן, פאַרקערט, איז געזעסן מיט אַ מאַטן בליק, עפּעס װי מיד.

-- איר װײסט ניט, װאָס פאַר אַ ספערע דאָס איז, װאו איך בין אויפגעװאַקסן און לעב — האָט ער פּלוצלינג אָנגעהויבן צו רײדן, אַשטײגער, װי ער װאָלט זיך װעלן פאַרענטפערן פאַר איר, פאַרװאָס ער איז אַזױ טרויעריג און מאַט. — אונזער אידישע בורזשואַזיע — דאָס איז דאָס ערגסטע, װאָס מען קאָן זיך פאָרשטעלן: גראָב, פאַרדאָרבן, גאָטלויז, אָהן געשמאַק, אָהן סטיל, אָהן טראַדיציעס, אָהן צוקונפט... אײן אײנציגער אינטערעס, אײן אײנציגע לעבנס־פאָרם איז פאַראַן — געלט. שטעלט אײַך פאָר: איך האָב פאַרבראַכט אַכט יאָר אין אויסלאַנד, געלעבט זעלבסטשטענדיג, צונעקוקט זיך צום אַרומיגן לעבן, שטודירט, געלעזן, געטראַכט, זיך אַנטװיקלט, מיט אײן װאָרט, איך האָב געשטרעבט צו װערן דאָס, װאָס מען רופט אַ קולטורעלער מענש. איצט װײזט זיך אויס, אַז דאָס איז ניט קײן מעלה, נאָר אַ חסרון. װאָס איך האָב אַ דיפּלאָם צו הײלן קראַנקע, — דאָס פאַרשטײט זיך, געפעלט די מײניגע זעהר, כאָטש קײן שום פּראַקטישע נוצן ניט פאַר מיר, ניט פאַר אַנדערע, קאָן איך פון מײַן דיפּלאָם ניט האָבן. נאָר מײַן פילאָזאָפיע קאָנען זײ ניט לײדן און קוקן אויף מיר, װי אויף אַ שלימזול, אַ ניט־געראָטענעם. זײ געפינען פאַר מיר נאָר אײן רעטונג: חתונה צו האָבן. דאָס איז לעכערליך, נאָר מיר פאַרשאַפט עס עגמת נפש אָהן אויפהער. אַלע מומעס מײנע האַלטן עס זיך פאַר אַ חוב מיך צו באַגליקן און זוכן פאַר מיר כלות. מען לאָזט מיך פאַקטיש ניט צורוה. דאָס איז מיר אַזױ איבערדריסיג געװאָרן, אַז איך האָב אויפגעהערט צו פאַרקערן מיט זײ, און עס איז אַרויס אַ סקאַנדאַל. דער טאַטע

איז ביז, די מאַמע שרייבט וויינענדיגע בריוו, די מומעס האָבן אָנגעהויבן צו קומען צו מיר... מיר איז איצט נישט געבליבן קיין אַנדערע עצה, דוכט זיך, ווי ווידער צו פאָרן קיין אויסלאַנד.

ער האָט געענדיגט זיין לאַנגען מאָנאָלאָג און האָט געקוקט אויף איר מיט אַ פרעגנדיגן אויסדרוק. קענטיג, האָט ער אַליין נישט פאַרשטאַנען, צו וואָס אייגנטליך ער דערציילט איר דאָס אַלץ.

— ווייניג גליקליכע מענשן זיינען פאַראַן אויף דער וועלט — האָט פ י ד ל ע ר אָפגעזיפצט, און זי איז אויך צופרידן געווען, וואָס ער האָט געענדיגט, — איך בין מקנא די מענשן, וואָס געבן זיך איבער עפעס אַ ציל און פאַרנעמען אָן זיך. זיי איז גוט, זיי האָבן נישט קיין זאָרג, קלערן נישט וועגן זיך, און — אַ סוף.

ד״ר ו ו י י נ ש ט י י ן האָט באַלד געענדערט דעם אומאַנגענעמען געשפרעך. און זיי האָבן נאָך אַ צייט לאַנג געפלוידערט וועגן טעאַטער, וועגן וואַרשע און אַנדערע לייכטע זאַכן. זעהר שפעט שוין האָט ער זי אָפגעפירט אַהיים, און באַם געזעגענען איר פעסט געדריקט די האַנט.

— איר פאָרט באַלד קיין אויסלאַנד? — האָט זי געפרעגט.

— נאָך נישט אַזוי גיך, — האָט ער געענטפערט. און אַ ליבליכער גוטער שמייכל האָט באַדעקט זיין טרויעריג מאַט פנים.

III

פאַרליבט אין ו ו י י נ ש ט י י נ ע ן איז זי נישט — דאָס האָט פ י ד ל ע ר געוואוסט אויף זיכער. פונדעסטוועגן האָט זי גאַנץ גערן געהאַט מיט אים זיך זעהן און צוהערן זיך צו זיינע רייד. אין דער לעצטער צייט פלעגט זי אַפילו אַרויפקומען צו אים אויף זיין וואוינונג. אמת, זי האָט זיך לאַנג געווערט קעגן דעם: „וואָס אייגנטליך האָב איך מיט אים געמיינזאַמעס? — האָט זי געטראַכט — צו וואָס נאָך גיין צו אים אַהיים? ניין, דאָס דאַרף

איך נישט טון!" ער האָט זי אָבער עטליכע מאָל געבעטן װעגן דעם, און זי האָט אים נישט געװאָלט באַליידיגן (זי האָט בכלל מורא געהאַט, װען נאָר זי האָט גערעדט מיט אים, זי זאָל אים עפּעס נישט באַליידיגן מיט אַ װאָרט)...

— ניין, דאָס האָב איך מיר נישט פאָרגעשטעלט. אַן עמאַנ־ציפּירט פרײלין זאָל זיך רעכענען מיט אַזעלכע נאַרישקייטן! האָס? איר האָט מורא צו קומען צו מיר אַהיים! — האָט ער געזאָגט מיט זיין געװײנליכן גוטן, נאָר קאַלטן שמייכל, און זי האָט אים נישט געהאַט, װאָס צו ענטפערן אויף דעם.

אַמאָל, נאָך מיטאָג, האָבן זיך אָן דער טיר פון װײנשטיינס װאוינונג געהערט צװיי שטילע קלעפּ, ער איז אויפגעשטאַנען און געעפנט די טיר. פידלער איז אַרײנגעקומען. װײנשטײן האָט איר פעסט געדריקט די האַנט, און זיין פנים האָט אויס־געדריקט אַזוי פיל צופרידנקייט, אַז פידלער האָט עס באַ־מערקט און געשמייכלט.

— לויט די קלעפּ אָן דער טיר האָב איך דערקענט, אַז דאָס זייט איר: אַזעלכע שטילע נישט־אַנטשלאָסענע קלעפּ... האָט ער געזאָגט מיט אַ געלעכטער.

— און איך, הער װײנשטײן, בין געקומען נאָר אויף א מינוט. איך װיל נעמען באַ אייך עפּעס צו לעזן, — האָט זי געזאָגט.

— נו, אויף אַ מינוט, אויף אַ מינוט... זעצט אייך דערװייל.

זי האָט באמת געהאַט אין זין נישט לאַנג צו בלייבן באַ אים. זי האָט נישט געװאוסט, װאָס זי זאָל מיט אים רײדן און בכלל, װי צו פאַרהאַלטן זיך צו אים, און האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז ס'װעט זיין אומהיימיש, װי דעמאָלט, װען ער איז געװעסן באַ איר. זי האָט אָבער געהאַט אַ טעות. פאַרקערט: זי האָט זיך געפילט זעהר גוט און פריי אין דעם גרויסן, ליכטיגן, מיט געשמאַק מעבלירטן צימער (װײנשטײן האָט באַװאוינט אַ קאַבינעט און אַ שלאָפצימער). ער אַליין האָט אויך אין דערהיים אויס־געזעהן פרישער און יונגער. ער איז געװען אָנגעטאָן אין אַ געװײנליכער אַרבעטס־קורטקע. די האָר זיינע זיינען געװען אַביסל

נישט אין אָרדענונג, אַזוי פיל נישט אין אָרדענונג, וויפיל דאָס פּאַסט פאַר אַ באַשעפטיגטן מענשן. אויפן טיש זיינען געלעגן ביכער אין עטליכע שפּראַכן, טייל אויפגעשניטענע, טייל נאָך נישט נעריירט; אילוסטראַציעס, ושורנאַלן, בילדער. ער האָט איר דאָס אַלץ געוויזן און דערקלערט, און זי האָט געזאָגט: „זעהר אינטערעסאַנט, זעהר אינטערעסאַנט". און איז צופרידן געווען, וואָס זי האָט נישט קיין טעות געהאַט אין אים, וואָס ער איז טאַקע אַן אינטעליגענט.

— דאָס האָט איר אויך! זעה נאָר! — האָט זי געזאָגט, אָנווייזנדיג אויף אַ וויגשטול, וואָס איז געשטאַנען אין צימער, און האָט זיך דאָרט געזעצט.

— אַן אַנטיק, גרויסאַרטיג! — האָט זי געזאָגט, שאָקלענדיג זיך פאַמעליך מיט דעם שטול. דאָס איז איר געפעלן, און זי האָט זיך געפרייט דערמיט, ווי אַ קינד. ער איז געשטאַנען נעבן איר און איז געווען אַנטציקט פון דעם ליבליכן יונגען באַשעפעניש, פאַר וועמען אין לעבן איז נאָך געווען אַזוי פיל פאַרגעניגן, אַזוי פיל זאַכן, וואָס קאָנען לוסטיג מאַכן.

נאָר פּלוצלינג, ווי זי וואָלט זיך עפּעס דערמאָנט, איז זי אויפגעשטאַנען און האָט געמאַכט אַן ערנסט געזיכט. איר האָט זיך נערוכט, אַז זי האָט זיך שוין צופיל דערלויבט: „וואָס אייגנטליך טו איך דאָ באַ אים?" — האָט זי זיך נעפרעגט און האָט נישט נעפונען קיין ענטפער:

— נו, צייט צו גיין, בלייבט געזונט — האָט זי געזאָגט, און ער האָט זי נישט נעפּרובט אויפצוהאַלטן. אין דעם אויסדרוק פון איר פּנים און אין ערנסטן טאָן איז געלעגן עפּעס ניט גינסטינס פאַר אים.

— נו, בלייבט געזונט. זעהט, איך האַלט אייך נישט אויף. נאָר איר מוזט צוזאָגן ווידער צו קומען. איר וועט קומען?

— מיר וועלן זעהן, — האָט זי געענטפערט קאַלט.

— ניין. זאָגט צו, איר וועט קומען.

ווידער האָט פ י ר ל ע ר מורא געהאַט, זי זאָל אים נישט באַליידיגן און האָט צוגעזאָגט.

און אין די פֿאַוואָכן בײַ איר ווײַנען געווען פֿיל פֿרײַע גוטע מינוטן; עס ווײַנען אָבער אויך געווען לאַנגווײַלינע שווערע מאָמענטן, ווען דער שמועס האָט זיך נישט געקלעפּט, און צווישן זיי האָט זיך גע־פֿילט דער גאַנצער אָפּגרונט פֿון אַנטוויקלונג, עלטער און שטאַנד, וואָס איז געלעגן צווישן זיי.

איינמאָל איז איר געווען גאָר לוסטיג בײַ איר. זי איז געזעסן אויף דעם ווינשטול און זיך געווינט, און ער האָט דערציילט זעהר אַ לעכערליכע געשיכטע:

— איך האָב דאָ אַ שוועגערין, דאָס איז די געבילדעטע אין אונזער משפּחה. און אין אמתן: זי איז אַמאָל געווען אויף קורסן, פֿאַרשטאַנען עטליכע שפּראַכן און זיך אינטערעסירט מיט פֿיל זאַכן. וואָס איצט איז געוואָרן פֿון איר, דאָס איז אַן אַנדערע פֿראַגע. סײַ ווי סײַ האָט זי פּרעטענזיעס אויף בילדונג און איז דערצו אַ שײנע פֿרוי. בקיצור: די גאַנצע האָפֿענונג האָט מען אַרויפֿגעלעגט אויף איר. זי מוז מיך מאַכן פֿאַר אַ מענשן, און אַ מענש מאַכן הייסט: שאַפֿן מיר אַ כּלה מיט אַ גרויסן נדן.

— אייך שרעכנט מען דאָך שרוכים, — האָט פֿידלער געלאַכט, אין שטוב איז גראָד געווען וואַרעם און באַקוועם, פֿון דרויסן האָט אַרײַנגעקוקט די ווינטערדיגע זון, און איר איז גאָר פֿרײליך געווען אויפֿן האַרצן.

— טאָ הערט און לאַכט נישט. פֿאַר עטליכע טעג זאָגט זי מיר מיט גאָר אַן ערנסטער מינע, איך זאָל צו מאָרגנס בײַנאַכט קומען צו איר אויף טיי. „קום אין סורדוט"— האָט זי מיר אײַנ־געראַמט שטיל אין אויער — „עס וועלן זײַן געסט". פֿאַרשטייט זיך, איך בין געקומען — אָט אין דער זעלבער קורטקע, און שטעלט אײַך פֿאָר אַ סצענע: בײַם טיש זײַנען געזעסן אַן עלטערע פֿרוי און אַ מיידל, קענטיג, איר טאָכטער, מײַן צוקינפֿטיגע כּלה, הייסט עס, און מײַן שוועגערין סאָניע. די לעצטע, דערוועהענדיג מיך אַזוי געקליידעט, איז אַביסל צעמישט געוואָרן. זי איז אָבער אַ געשיקטע פֿרוי, אַ כוואַט, זי האָט זיך געפּרובט צו פֿאַרגלעטן די געשיכטע. „מיר האָבן דיך גאָרנישט ערוואַרט הײַנט", האָט זי געזאָגט צו מיר און געווענדעט זיך צום מיידל אויף פֿראַנצויזיש און מיך פֿאָרגעשטעלט. דאָס אָרימע באַשעפֿעניש איז רויט געוואָרן

ביז איבער די אויערן, און איך, שטעלט אייך פאָר, האָב אָנגעהויבן אַ נעשפּרעך — אויף אידיש! איר וואָלט נעזעהן, וואָס פאַר אַ שרעקליכן בליק מיין שוועגערן האָט אויף מיר נעוואָרפן. איך האָב מורא, איר וועט זיך מער נישט נלוסטן צו שרכענען מיר שירוכים.

— נייט, איר זייט אַ בייזער, — האָט פּ י ר ל ע ר נעזאָגט און דערביי אַזוי הויך נעלאַכט, אַז זי האָט איר שטים נישט דערקענט.

זי איז היינט נעווען נאָר באַזונדער ליבליך, פריש, קינדיש־לוסטינ. דער באַזונדערער רייץ פון איר פּינור, וואָס איז ו ו י י נ־ש ט י י נ ע ן אַזוי נעפאַלן אין די אוינן, ווען ער האָט זי נעזעהן דאָס ערשטע מאָל אין טעאַטער, האָט צונעצוינן, נערופן זי אַרומצונעמען און צו ליבקאָזן...

— לאָזט, איך וועל אייך ווינן, — האָט ער נעזאָגט און נע־נומען שאָקלען דעם שטול.

נאָר דאָס איז נעווען צופיל, איבערנעכאַפּט די מאָס. זי האָט אים שטריינג אָננעקוקט, און אין אירע אוינן איז שוין מער נישט נעווען דער אָפּנלאַנץ פון קינדערשער לוסטינקייט. ווידער האָט ער נעפונען אין איר בליק דאָס נישט־נינסטינע פאַר אים. באַלד איז זי אויפנעשטאַנען, נעזעננט זיך מיט אים קאַלט און אַוועקנענאַננען.

אין איר קאָפּ איז נעווען אַ מישמאַש פון נעפילן און נע־דאַנקען. פריהער פאַר אַלץ האָט זי זיך נישט נעקאָנט פאַרענט־פערן די פראַנע: צו וואָס, צו וועלכן צוועק און וואָס פאַר אַ זין האָט דאָס, וואָס זי נייט אַרויף צו אים. ער איז נישט אירס נלייכן און לאַכט אפשר נאָר פון איר. און ווען זי האָט אַזוי נעקלערט און דערמאָנט זיך אָן זיין מאַט פּנים און קאַלטן שמייכל, אַ שמייכל פון אַ מענשן, וואָס האָט שוין נענאָסן אויף דער וועלט פון ליבע און נליק, האָט זי נעפילט, ווי עפּעס אַ האַס דערוואַכט אין איר האַרץ צו אים, צו זיין קאַלטן שמייכל.

„ער איז אויך נישט שיין“, — האָט זי נערעדט צו זיך, פּונקט ווי זי וואָלט זיך דערמיט וועלן נוקם זיין אין דעם מענשן, וואָס קאָן קאַלט שמייכלען איבער נעפילן, וועלכע האָבן נישט איינמאָל

בּאַפאַלן איר יונגע בּרוסט ווי אַ שטורעם און פאַרכאַפּט איר דעם אָטעם.

נאָר דאָס איינגע צימערל אין דערהיים איז געוואָרן נאָך איינגער, נאָך לאַנגווײַליגער, און די האַרציגע פרײַנטשאַפט מיט איר חברטע קראַטאָוואַ — עפּעס שוואַכער. אין דעם צימער איז, אויסער זיי בּיידע, געווען דער נישט אויסגעזאָגטער סוד, פּירלערס אומרוהיגער געוויסן.

— דו וואָלסט געקאָנט חתונה האָבּן מיט אַ מענשן, וואָס דו האָסט נישט ליבּ? — האָט זי אַמאָל געפרעגט גלאַט אַזוי איר חברטע.

— וואָס רעדסט דו, נאַר! ווער וואָלט דען געקאָנט?

— און איך וואָלט אויך נישט געקאָנט, — האָט פּירלער געזאָגט שטיל, ווי מיט דעם איינענעם האַרץ ריידנדיג, און אין אַ ווײַלע אַרום ווײַטער געפרעגט:

— ווי מיינסט דו: מען קאָן ליבּ האָבּן אַ מאַנספּאַרשוין, וואָס האָט שוין פיל, פיל מאָל ליבּ געהאַט, וואָס האָט שוין געהאַט פיל פרויען?

— טפוי! דאָס איז מיאוס! — האָט קראַטאָוואַ געענטפערט.

— מיר געפעלן אויך נישט אַזעלכע, — האָט פּירלער געזאָגט און זיך פאַרטראַכט, דערמאָנענדיג זיך ווײַנשטײַנס געזיכט מיט אַלע קלייניגקייטן.

ר״ר ווײַנשטײַן האָט אין דעם זעלבּן טאָג, ווען זי איז געווען בּאַ אים, און ער האָט איר דערציילט די געשיכטע מיט דעם שרוך, געשריבּן זײַן פרײַנט אין בּערלין אַ לאַנגען בּריוו. מיט דעם דאָזינן פרײַנט, אַ קרײַנקליכער אָרימער אידישער מאָלער, האָט זיך ווײַנשטײַן געפילט גאַנץ נאָהענט. ער האָט אים געשריבּן פיל פון זײַן לאַגע און דערמאָנט אויך וועגן פּירלער:

„פאַר לאַנגווײַליגקייט — האָט ער געשריבּן — האָבּ איך מיך דאָ בּאַקענט מיט אַ קורסיסטקע, אַ אידיש מיידל, אַ רעוואָלוציאָנערין. אַ ליבּליך בּאַשעפעניש: גראַציעז, קלוג און וואָרהאַפטיג בּיז גאָר. דער עיקר — יונג, יונג. אַלץ קומט בּאַ איר גוט אַרויס, אַפילו ווען זי רעדט שאַבּלאָנע פראַזן. זי ענדיגט דאָ די פעלד־

שערסקע קורסן און וויל פאָרן אין דאָרף צו היילן רוסישע פּויערים און צו מאַכן זיי פאַר רעוואָלוציאָנערן. אַז איך לאַך פון איר, בייזערט זי זיך, רעדט פיל נאַרישקייטן און איז דערביי ליבליך, ווי דו קאָנסט דיר נאָר פאָרשטעלן".

„האָב נישט קיין טעות: פאַרליבט בין איך נישט; נאָר דאָס איז וואָר: אויב שוין יאָ חתונה צו האָבן, וואָלט איך פון רוסיש־אידישע בורזשואַזע ספּערן קיין מיידל נישט גענומען. איך קוק טיילמאָל אויף איר און טראַכט: אויב האָבן אַ קינד, נאָר פון אַזעלכער".

„און דאָך, צי גלויבסט דו מיר — פאַראַן מינוטן, ווען איך קוק אויף איר און ווער איבערגעשראָקן: איך פיל מיך, ווי אַ חיה, וואָס באַפאַלט צו רויבן. איך ווייס נישט, ווי מען זאָגט עס דיר, נאָר איך בין שוין אַלט פיר און דרייסיג יאָר, דאָס האַרץ איז קאַלט, און דאָ איז אַ יונג פריש מיידל, מיט איר גאַנצן יונגנטליכן גלויבן, מיט אירע אַלע האָפענונגען. דאָס אַלץ קאָן מיר געהערן, ווייל... ווייל איך בין רייך. נידעריג, נאַריש, אוממענשליך— נישט וואָר"?

„נו, וואָלט זי מיך כאָטש געליבט, איז עפּעס אַנדערש. נאָר ליבן ליבט זי מיך נישט. דאָס פיל איך אין אירע רייד, אין איר בליק. און — אפשר האָב איך אַ טעות"?

„וואָס קאָן אַ צעבראָכענער אידישער בורזשוי, ווי איך, האָבן מער ווי ספקות"!

„איבעריגנס — אַלטע לידער. און פּ י ר ל ע ר — דאָס איז איר נאָמען — איז אַ ליבליך שיין באַשעפעניש. איך בייגק יעצט נאָך איר"...

IV

— דערצייל קיין מעשיות נישט, אַלעקסאַנדער. איך ווייס, איך ווייס, וואָס דאָס הייסט, „איך וויל נישט חתונה האָבן". וואָס איז דאָ צו באַהאַלטן? זאָג מיר, איך בעט דיך: ווען וועל איך

האָבן די ערע צו באַקענען זיך מיט דײַנער?... נײַן, אין אמת, דו װעסט מיך מיט איר באַקענען?

אַזױ האָט גערעדט מאַראַם סאָניע, ד״ר אַלעקסאַנדער װײַנשטײַנס שװעגערין, אַ שײנע, נאָך יונגע דאַמע, אַ ברונעטקע מיט העל־בלישטשענדיגע אױגן און מיט אַ טיפּיש אידיש געזיכט. כאָטש זי איז געװעזן בײַ זיך אין דערהײם, און אין צימער איז קײנער נישט געװען, אױסער איר שװאָגער, איז זי פאָרט געװען אָנגעטאָן מיט געשמאַק און מיט אַביסל קאָקעטערײ. די בלוזע איז געװען נעגנוג אױסגעשניטן, אױפן האַלז האָט זי געטראָגן אַ שמאָלן רױטן באַנד, פון די אױערן האָבן געפינקעלט בריליאַנטן, און אױף די פינגער האָבן געבלישטשעט עטליכע פינגערלאַך. זי האָט אָפט געשמײכלט, אַראָפּגעלאָזט די אונטערשטע ליפּ און געװיזן אירע געזונטע װײַסע צײן.

— װאָס פאַלט סאָניען אײַן? װער האָט דאָס געזאָגט? — האָט ד״ר װײַנשטײַן פּראָטעסטירט.

— איך בעט דיך, אַלעקסאַנדער, מאַך נישט חוזק פון מיר. איך בין דאָך דיר נישט קײן פרעמדע. איך װיל קענען מײַן צוקינפטיגע שװעגערין. װאָס? דו שעמסט דיך, אָדער האָסט מורא, מען זאָל דיר נישט שטערן? נײַן! דו מוזט מיך מיט איר באַקענען. דו מוזט! דו מוזט!

זי האָט צװײ מאָל געקלאַפּט אױפן טיש מיט איר קלײנער האַנט, האָט געשמײכלט און געװיזן אירע צײן.

ד״ר װײַנשטײַן האָט נישט געענטפערט, ער האָט געקוקט אױף איר קלײנער פולער האַנט און געטראַכט:

— אַ! סאָניע האָט אַ נײַ פינגערל? װי נאַר.

זי איז געװען מיט אים אױף דו. ער אָבער האָט זי װעלטן נאָר געדוצט און גערעדט געװײנליך נישט אױף דו, נישט אױף איר.

זי האָט דערנענטערט צו אים די האַנט און האָט אױסגעשטרעקט איר דונדן, שײן־אױסגעפילטן װײַבערישן פינגער, פון װעלכן עס האָט אַראָפּגעפינקעלט אַ העלער שטײן.

— פונקט װי אַ פרעמדער פאַרהאַלטסט דו דיך צו אונז. װײסט נישט, אַז יעפים (איר מאַן) האָט געװאונען דעם סוד מיט פרשעפּיורקע, זיבן טױזנט אַכט הונדערט רובל מיט קאָפּעקן. דאָס האָט

ער מיר צוגעזאָגט צו קויפן, אויב ער וועט געווינען. דיך אינטערע־סירט גאָרנישט, וואָס בײַ אונז אין הויז טוט זיך. אַ שיינער ברודער!

— זעהסט דאָך, איך אינטערעסיר מיך — האָט ער זיך געוויצלט, אַרויפרוקנדיג איר צוריק אויפן פינגער דאָס נייע פינ־גערל — אָט האָב איך בײַמערקט בײַ סאָניען אַ נײַ פינגערל. וויפיל פינגערלאַך האָסט דו שוין? לאָז נאָר ציילן, רוקט זיך, אין גיכן וועט זיין מער פינגערלאַך, ווי פינגער.

— הער אויף, אַלעקסאַנדער. איך ווייס, דו ביסט אַ געבוי־רענער סאָציאַליסט, און „דיינע" איז אויך אַ סאָציאַליסטין. איך ווייס אַלץ, אַלץ!

— צו וואָס זשע פרעגן, אויב מען ווייסט אַלץ? — האָט װ י י נ־ש ט י י ן בײַמערקט אין אַ בייזן טאָן.

זי האָט פּלוצלינג אָנגעהויבן צו לאַכן קאַקעטיש.

— אַרויסגעקראָכן מיטן כּעס! — האָט זי גערעדט — דו מיינסט: ס'זיינען פאַראַן סודות. אַלע ווייסן דאָס שוין, און וואו איך גיי און שטיי, פרעגט מען מיך אַלץ דעריבער.

ד"ר װ י י נ ש ט י י ן האָט זיך גאָר געוואונדערט. ער האָט לגמרי נישט געהאַט קיין בײַקאַנטע הייזער אין וואַרשע און האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין, פון וואַנען עס נעמען זיך די גערײַ־דערייען וועגן אים.

— ווער זיינען דאָס די „אַלע"? — האָט ער גערעדט הויך און שטריינג — און ווער האָט דאָס דיר דערציילט אַזאַ געשיכטע? ווער זאָרגט דאָס פאַר מיר? רוקט זיך, איך קען דאָ קיינעם נישט, אויסער דיך און מיין ברודער.

— מאַלע וואָס דו קענסט נישט. ד י ך קען מען, — האָט ס אָ נ י ע געענטפערט אויך מיט אַן ערנסטן טאָן, און זי האָט אים אָנגערופן עטליכע הייזער, וואו מען האָט פון אים גערעדט און וואו מען האָט איר געזאָגט, ווי אַ געוויסע זאַך, אַז ער, ד"ר װ י י נ ש ט י י ן, האָט אַ כּלה. ער האָט זיך נישט געקאָנט אָפּוואונדערן גענוג, פון וואַנען זי ווייסט דאָס מיט אַזאַ געוויסקייט, ווי זי זעהט אויס, אַז זי איז אַ קורסיסטקע, אַ רעוואָלוציאָנערין. זי האָט אַפילו געוואוסט די טעג, ווען זי איז מיט אים געווען אין

פילהאַרמאָניע, װען אין טעאַטער, װי און װאו ער איז געגאַנגען מיט איר.

— נו, נו! — האָט ער געשאָקלט מיטן קאָפּ — איך האָב גאָרנישט געװאוסט, אַז איך בין דאָ אַזוי פּאָפּולער. דאָס מוז מען מורה זײַן: שפּיאָנעװען שפּיאָנעװעט מען דאָ אױסגעצײכנט, איך װאָלט מיר דאָס נישט פאָרגעשטעלט.

עס איז געװאָרן אַ װײַלע שטיל. סאָניע האָט אױף אים געקוקט מיט אַ שעלמישן שמײכל, װי זי װאָלט זאָגן: „מורה געװען האָסטו זיך שױן, באַלד װעסטו די רעשט דערצײלן".

— נײן, שװעגערן, — האָט ד"ר װײנשטײן זיך אָנגערופן — גלױב נישט אָן די רײדערײען. איך האָב נישט קײן כּלה. און װאָס אָנבאַלאַנגט יענער פּערזאָן, איז זי באמת זעהר אַ סימפּאַטיש מײדל, מײנע אַ גוטע באַקאַנטע, און מיר איז אינטערעסאַנט מיט איר צו רײדן.

— דו ליגסט, אַלעקסאַנדער! — האָט זי אים געגראָזעט מיט איר שײנעם פינגער, — דו ליגסט! זעה!

— מײן ערליך װאָרט, דאָ איז קײן שום ערנסט נישט דאָ. נאָר ער האָט זיך דערשראָקן פאַר דעם ערליך װאָרט, װאָס ער האָט געגעבן. קײן ערנסט נישט? האָט ער זיך געפרעגט. ער האָט זיך עפּעס פאַרטראַכט און געקנײטשט דעם שטערן.

אים איז געקומען אַזאַ געדאַנק אין קאָפּ אַרײן: ער האָט געװאוסט, אַז פידלער קװעלט זיך אין נעלט. נאָר ער האָט נישט געהאַט די דרײסטקײט, איר פאָרצולײגן געלט, ער האָט פאַרשטאַנען, אַז אױף װאָס פאַר אַן אופן ער זאָל דאָס נישט טון, װעט זי זיך באַלײדיגן. זי האָט אים נאָר אַמאָל געזאָגט, אַז זי זוכט לעקציעס, און אָט האָט ער איצט געװאָלט אױסנוצן די געלעגנהײט און פרעגן סאָניען װעגן אַ לעקציע.

— איבעריגנס, — האָט ער געזאָגט, — אױב סאָניע װיל, קאָן זי זיך מיט איר באַקענען. דאָס דאָזיגע מײדל זוכט לעקציעס. אפשר װײסט דו?

— אָט זעהסט דו, דאָס איז אמת גוט — האָט זיך סאָניע דערפרײט, — איך האָב געװאָלט צונעמען אַ לערערן אױף רוסיש פאַר מײן באָריסן...

„דו האָסט ביז אַהער גאָרנישט געוואָלט" — האָט ד"ר ווײַנ־שטײַן געטראַכט, נאָר ער האָט דאָס נישט געזאָגט.

אין שטוב איז אַרײַנגעקומען יעפּים, ד"ר ווײַנשטײַנס ברודער. דאָס איז געווען אַ הויך־געוואַקסענער און פולער מאַן פון אַ יאָר פערציג, מיט קלײנע אויגן אונטער אַ פּאָר גאָלדענע ברילן און מיט אַ האַלב־קאַלן קאָפּ. ער איז געווען ראַזירט, נאָר דעם סאַמען שפּיץ פון דער געמבע האָט ער געלאָזט באַוואַקסן מיט נידעריגע האָר. געווים האָט אים פאַרשאַפט אַ פאַרגעניגן צו בערשטן מיט די האָר זײַנע פינגער, בשעת דער קאָפּ זײַנער איז געווען אָנגעשטרײַנגט. ער איז אַרײַנגעקומען, ווי געװײַנליך, שטי־לערהײט, אומבאַמערקט, נישט באַגריסט קײנעם, געזעצט זיך בײַם טיש און גענומען לעזן אַ צײַטונג. די צײַטונג איז פאַר אים געווען אַן אַרט אָפּרוהען פון זײַנע געשעפטן, פון די גערדאַנקען וועגן קויפן, פאַרקויפן, וועקסלען, טערמינען און שפּעקולאַציעס, וואָס האָבן זיך נישט אויפגעהערט צו דרייען אין זײַן קאָפּ גאָר אָהן זײַן וויסן.

— ווילסט עסן? — האָט סאָניע געפרעגט.

— נאָך נישט, — האָט ער געענטפערט שטיל. ער האָט אַוועק־געלעגט די צײַטונג, און קענטיג, ערשט איצט באַמערקט זײַן ברודער.

— אויב דו ווערסט פאָרן קײן אויסלאַנד, זאָג מיר. איך וועל דיר שאַפן אַ פּאַס ביליג. איך האָב באַקאַנטשאַפט, — האָט ער זיך געווענדט צו אַלעקסאַנדערן.

— ער פאָרט נאָך נישט אַזוי גיך, — האָט ס אָ נ י ע געזאָגט און שמײכלענדיג געקוקט אויף איר שוואָגער.

י ע פּ י ם האָט גאָרנישט געענטפערט און צוריקגענומען די צײַטונג. נאָר ס אָ נ י ע האָט אים אַרויסגענומען די צײַטונג פון דער האַנט און געזאָגט:

— ער קומט אויף אַ מינוט אַהײם, קאָן ער זיך נישט נעמען קײן צײַט צו רײדן אַ וואָרט.

י ע פּ י ם האָט שוין דערקענט אין איר טאָן, אַז זי האָט עפּעס צו בעטן, און האָט זיך צוגעגרייט דערצו. ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אַרײַנגעלאָזט די פינגער אין די שטעכערינע האָר פון

דער באַוואַקסענער געמבע און געפרעגט מיט אַ לאַכערינער מינע:

— וואָס ווילסט דו, נשמה מיינע?

— איך וויל, דו זאָלסט רײדן מיט מיר, — האָט זי געזאָגט מיט אַ פישטשעריג קול — איך וויל צונעמען אַ לערערן אויף רוסיש פאַר באָריסן.

— נו, וואו איז ער דען? ער שלאָפט שוין?

סאָניע איז אַרײנגעגאַנגען אין דער צווייטער שטוב, און אין אַ מינוט אַרום איז זי צוריקגעקומען, פירנדיק פאַר דער האַנט באָריסן, אַ זיבן־יאָריגן שיינעם בלאָנדן יונג מיט פולע באַקן און אַ געשווירענעם קאָפּ, האַלב שוין אויסגעטאָן. ער האָט זיך אַרויסגעריסן פון דער מוטערס האַנט און זעהר דערפרייט, וואָס מען האָט אים באַפרייט נאָך נישט צו גיין שלאָפן, איז ער צוגעגאַנגען מיט דרייסטע טריט צו זיין פאָטער און געקושט אים די האַנט.

— דאָברי וועטשאָר — האָט ער געזאָגט אויף פויליש. אין הויז האָט מען, זינט די קינדער זיינען אויפגעוואַקסן, געהערט צייטנווייז, אויסער דער רוסישער, אויך די פוילישע שפּראַך.

דער פאָטער האָט אים גענומען אויפן שויס און געגלעט אים דעם קאָפּ:

— דערצייל עפּעס, באָריס, ווי גייט עס?

— גוט, — האָט דער קליינער געזאָגט מיט אַ פראַקטישן טאָן און געשאָקלט מיטן קאָפּ, — פרייַלין האָט מיר היינט געגעבן אַ פיר.

— מיר ווילן דיר נעמען אַ נייע לערערן אויף רוסיש — ווילסט? — האָט סאָניע געזאָגט.

— איך וויל. נאָר זאָל די מאַמע אַזוי גוט זיין איר זאָגן, ווי זאָל מיר נישט אויפגעבן קיין גרויסע לעקציעס. איך האָב נישט קיין צייט, — האָט דער קליינער געזאָגט מיט דעם זעלבן פראַקטישן טאָן.

אַלע האָבן געלאַכט, אויסער באָריסן, וואָס האָט נאָר פאַרשטאַנען, אַז ער האָט געזאָגט עפּעס קלוגס, און האָט נישט געוואוסט, וואָס מען לאַכט.

מען האָט געגרייט צום טיש. אין טיר האָט זיך באַוויזן די גובערנאַנטקע, אַן אַלט רייטשעס פריילין מיט אַ בלאַס וועלק געזיכט, און האָט גערופן:

— ב אָ ר י ס, שלאָפן!

נאָר ב אָ ר י ס ן האָט זיך נישט געוואָלט פאַרלאָזן די געזעל־שאַפט. אַ ל ע ק ס אַ נ ד ע ר האָט זיך אָנגענומען פאַר אים:

— נו, לאָזט אים, — האָט ער געזאָגט — אַ וואוילער יונג, ער וועט אויפוואַקסן אַ לייט, אַ טיכטיגער סוחר אָדער אַן אַדוואָקאַט; אויף יעדן פאַל — נישט קיין פילאָזאָף.

ס אָ נ י ע האָט אים גענומען צו זיך, און מען האָט גענומען עסן. ב אָ ר י ס האָט זיך באַלד אָנגעלענט מיטן קאָפּ אויף איר ברוסט, די אויגן זיינען אים צוגעפאַלן, ער האָט מער נישט געקאָנט ווידערשטיין דעם שלאָף, און איז אויך באַלד איינגע־שלאָפן. די מוטער האָט אים געהאַלטן אויף זיך, איינגעקוקט זיך אין זיין שלאָפנדיג געזיכט, און אויף איר פּנים איז געלעגן אַ גליקליכער צופרידענער אויסדרוק פון אַ מוטער־געפיל. זי איז איצט געווען סימפּאַטישער, שענער און וואָרהאַפטיגער, און אַ ל ע ק ס אַ נ ד ע ר האָט אין איר דערקענט די אַמאָליגע ס אָ נ י ע, וואָס ער האָט צום ערשטן מאָל געזעהן, ווען זי האָט באַלד נאָך דער חתונה שפּאַצירט מיט איר מאַן אין אויסלאַנד, און וואָס האָט אויף אים דעמאָלט געמאַכט אַזאַ ליבליכן איינדרוק.

אַזאַ קינד צו האָבן, עס זאָל אָט אַזוי איינשלאָפן אויף דער מוטערס ברוסט, וואָלט נישט געשאַדט — האָט ער געטראַכט, און האָט זיך דערמאָנט זיינע ווערטער אין בריוו צו זיין פריינט: „אויב האָבן אַ קינד, נאָר פון איר“.

— זאָל דאָס פריילין קומען? — האָט ער געפרעגט ס אָ נ י ע ן.

— געוויס, געוויס, — האָט זי געענטפערט מיט אַ שמייכל.

אין אַ האַלבער שעה אַרום איז ער שוין געווען אויף דער גאַס. עס איז געווען אַ לויטערע, פראָסטיגע ווינטער־נאַכט קעגן נייַן. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, אַרויסגייענדיג פון טויער, און זיך אומגעקוקט: וואו גייט מען?

ער איז געוויינט געווען שפּעט צו גיין שלאָפן. אַהיים גיין איצט אויף זיין איינזאַמער וואוינונג און לעזן האָט זיך אים נישט

נעגלוסט, אין טעאַטער איז שוין געװען צו שפּעט. ער האָט זיך געלאָזט גײן מיט דער מאַסע מענשן, װאָס האָט זיך נאָך באַװעגט אויף דער גאַס, װי גוט װאָלט דאָס געװען, אַז ער װאָלט זי איצט צופעליג געטראָפן אויף דער גאַס! נאָר ער האָט זי נישט גע־טראָפן. ער האָט זיך נאָך אַרומגעשלעפּט אַ שעה צװײ, אַרײַנ־געגאַנגען אין אַ קאַפע און אַהײם געגאַנגען שלאָפן מיט אַן אומצופרידענעם געמיט.

„צו װאָס האָט דאָס געהערט צו שאַפן איר די לעקציע באַ דער שװענערן? — האָט ער געטראַכט — זי דאַרף אײגנטליך קײן לעקציע נישט און טוט דאָס נאָר צוליב איר נײַגיריגקײט. פּירלער װאָלט זיך געװיס געפילט טיף באַלײדיגט, װען זי זאָל װיסן, אַז איך פיר זי אַרײַן צו װײַזן זי“...

„שטענדיג אַזוי, — האָט ער װײַטער געטראַכט — קײנמאָל קאָן איך נישט געפינען קײן גלײַכן װעג, שטענדיגע קלײנליכקײטן, שטענדיגע האַלבקײטן, אָהן קראַפט, אָהן מוט... נידעריג, מאוס!“

אַזעלכע און ענליכע געדאַנקען האָט אים אַײַנגערוימט זײַן אײנזאַמקײט. און אַרויפװאַרפנדיג די גאַנצע שולד פאַר זײַן צע־בראָכנקײט אויף זײַן אידישער אָפּשטאַמונג, האָט ער זיך, װי גע־װײנליך, באַרוהיגט:

— אַ נידעריגע ראַסע! — האָט ער געזידלט.

צו מאָרגנס, באַלד אין דערפריה, האָט ער אַװעקגעשיקט אַ צעטל צו פּירלער, װאו ער האָט זי אָנגערופן צום ערשטן מאָל „ליבע ליובאַ“, נישט װי ביז אַהער „זעהר געערטע פּירלער“.

„זײַט אַזוי גוט און גײט אַרײַן אויף מאַרשאַלקאָװסקע נומ׳... דאָרט איז פאַר אײַך אַ לעקציע. זעהט איר, איך פאַרגעס אָן אײַך נישט? קומט אומבאַדינגט. איך בײַנק נאָך אײַך. אײַער

ד״ר א. װײנשטײן.

און אין עטליכע טעג אַרום איז פּירלער געגאַנגען פּינקטליך יעדן טאָג אײנס דעם זײַגער צו די װײנשטײנס אויף איר שטונדע, און אַרויסגײענדיג פון צימער, װאו זי האָט געלערנט מיט דעם קלײנעם באָריסן, האָט זי געװײנליך געטראָפן ד״ר װײנשטײנען, װאָס האָט אויף איר געװאַרט.

V

פּירלער האָט דעם גאַנצן װינטער געלעבט צװישן צװיי װעלטן. פון איין זייט זיינען געװען: אירע חברטעס, איר גרופּע, אירע לעקציעס, דער שפּיטאָל, דער איינגער צימער; פון דער צװייטער זייט ד״ר װײנשטײן, זיין שװעגערן, דער קליינער באָריס, טעאַטער און קאַפּעען; אויף איין זייט איז געלעגן איר קלאָרער ציל: ענדיגן און באַזעצן זיך אין דאָרף; אויף דער אַנ־דערער זייט — אַ טונקעלע ערװאַרטונג. צװישן די צװיי װעלטן און קיין אויסװעג האָט זי אויך נישט געפונען. זי האָט שטיל איז קיין האַרמאָניע נישט געװען און האָט נישט געקאָנט זיין, געליטן און איז געװען אומרוהיג.

„בעסער שוין גאָרנישט טראַכטן“ — האָט זי באַשלאָסן, נאָר די געדאַנקען האָבן זיך געטראָגן אין קאָפּ אָהן איר װיסן, קעגן איר װילן.

זי האָט געפילט, אַז דורכגייענדיג עטליכע גאַסן און אַריינ־קומענדיג צו די װײנשטײנס, װערט זי אַן אַנדערע — רעדט אַנדערש, לאַכט אַנדערש, און אַפילו טראַכטן טראַכט זי דאָרט אַנדערש, נאָר אַנדערע געדאַנקען טראָגן זיך אין איר קאָפּ, און נאָר אַנדערע װערטער קומען איר אויף דער צונג. באַ איר אין צימער, אין שפּיטאָל, צװישן אירע באַקאַנטע, איז זי װידער אַן אַנדערע.

יאָ! נישט נאָר זי אַליין האָט דאָס באַמערקט אין זיך; עס האָבן דאָס אויך באַמערקט אירע חברטעס און האָבן זיך שטיל געסודעט װעגן איר. װאָלט זיך איצט איינע פון אירע באַקאַנטע אָנגערופן װי אַמאָל: „פּירלער כאַראָשי טשורני טשעלאָװיעק“, װאָלט נישט איינע געמאַכט אַ קרומע מינע.

אמת, זי איז געװען די אייגענע ליבליכע, האַרציגע און באַ־װעגליכע, װי פריהער. דער זעלבער קלוגער, בייקענדיגער בליק, דער גוטער שמייכל אויף אירע ליפּן, די זעלבע גרייטקייט צו אינטערעסירן זיך מיט פרעמדער זאָרג, — און דאָך אַן אַנדערע, אַ פרעמדע פאַר אירע חברטעס. מענשן, װאָס גילטן צװישן זייערע באַקאַנטע פאַר אַ מוסטער אָהן שום חסרונות, פאַרלירן

מיט איינמאָל אַלץ, ווי נאָר מען אַנטרעקט אין זיי דעם מינדסטן פלעק. אַזוי איז אויך געווען מיט פ י ר ל ע ר. יעדן האָט זיך פלוצלינג געדוכט, אַז מען האָט געהאַט אין איר אַ טעות.

ע ס פ י ר, די רעדל־פירערן פון איר גרופּע, אַן עלטערע נישט שיינע קורסיסטקע, איז אַמאָל אַריינגעקומען צו איר באַנאַכט און געבראַכט אַ פּעקל בראָשורן און פּראָקלאַמאַציעס. אָנשטאָט, ווי געוויינלעך, אָפּצוגעבן עס פ י ר ל ע ר, האָט זי עס איצט גע־געבן ק ר אַ ט אָ ו ו אַ ן און געזאָגט איר, זי זאָל צעטיילן אין שפּיטאָל, וויפיל זי קען, און די רעשט זאָל זי באַהאַלטן. דערנאָך האָט זי זיך געווענדט צו פ י ר ל ע ר און געפרעגט:

— וואָס מאַכט עפּעס דיין באַשיצער? —

פ י ר ל ע ר איז רויט געוואָרן פאַר באַליידיגונג און האָט געפילט, אַז די טרערן שטעלן זיך איר אין די אויגן.

— וואָס איז ער מיר פאַר אַ באַשיצער? — האָט זי גע־ענטפערט און פאַרגעסן דערביי, אַז ע ס פ י ר האָט אים אַפילו מיטן נאָמען נישט אָנגערופן — צי דען איז מיר פאַרווערט צו האָבן באַקאַנטע? ניין, איך פאַרשטיי דאָס נישט.

— ווער זאָגט דאָס דיר, מיין ליבע, אַז דיר איז פאַרווערט? פון מיינעטוועגן, כאָטש האָב חתונה מיט אים. פאַרוואָס נישט? אַ גלענצנדע פּאַרטיי...

און נישט וואַרטנדיג אויף קיין ענטפער פון פירלער, האָט זי זיך געזעגנט און אַרויסגעגאַנגען.

— איבעריגנס, איך האָב נישט קיין צייט צו פּלוידערן, — האָט זי נאָך געזאָגט פאַרן אַרויסגיין. און אין פ י ר ל ע ר ס האַרץ איז געבליבן אַ שאַרפע שטעכנדיגע באַליידיגונג.

מיט ר״ר ו ו י י נ ש ט י י נ ע ן האָט זי זיך געזעהן כמעט יעדן טאָג. אָדער ער האָט שוין אויף איר געוואַרט נאָך דער לעקציע באַ זיין שוועגערן, אָדער זי איז אַהיים געקומען צו אים. די צייט איז טיילמאָל דורך זעהר לוסטיג. עס האָט געטראָפן, אַז זי איז געזעסן אויף דעם וויגשטול, ער האָט עפּעס דערציילט, און זי האָט געלאַכט, פאַרגעסן אָן אַלץ און נאָר געפילט, אַז וואָס זי טוט, געפעלט, און וואָס זי רעדט, איז אויפן אָרט, און אַז איר

געלעכטער שטערט קיינעם נישט, פאַרקערט, פאַרשאַפט פיל פאַרגעניגן. טיילמאָל האָט ער זיך געשטעלט הינטער איר און געווינט דעם שטול, לייכט און פאַמעליך, אַזוי ווי מען ווינט אַ קינד, נישט פיל האָט געפעלט, ער זאָל זיך צוביינן און זי קושן.

זי האָט געוואַרט אויף דעם און זיך געשראָקן דערפאַר און האָט נישט געוואוסט, ווי זי וועט ענטפערן דערויף.

„ניין, דאָס וועט ער זיך נישט דערלויבן מיט מיר" — האָט זי פעסט באַשלאָסן. און דאָך האָט זי זיך איינגעקוקט אין זיין פּנים און געזוכט דאָרט צו געפינען וואָס מער סימפּאַטישעס, וואָס מער שיינס, וואָס מער, וואָס זאָל איר געפעלן.

— נו, וואָס איז דאָס אַ פּלאַן פאַר אייך צו באַזעצן זיך אין אַ דאָרף? איר וועט דאָרט אָפּוועלקן און ווערן צו נישט צווישן עפּעס פּויערים, וואָס זיינען אייך ווילד־פרעמד. אַ שאָד אייער יוגנט, אייער שיינקייט, וואָס זאָל פאַרפאַלן ווערן עפּעס אין אַ העק אין אַרכאַנגעלסקער גובערניע. נו אַרבעטן כאָטש צווישן אַרבעטער, אין אַ קולטורעלן צענטער, — דאָס פאַרשטיי איך, דאָס איז כאָטש מאַרערן. נאָר ווי קומט איר, אַ אידיש מיידל, צו רוסישע פּויערים? ניין, דאָס וועט איר נישט טון.

זי האָט נאָר געשמייכלט און געזאָגט:

— איר רעדט אַזוי זיכער, אַז איך וועל דאָס נישט טון! לאָמיר ליבער וועגן דעם נישט ריידן. איך האָב נישט ליב, אַז איר רעדט אַזוי.

און האָט געמאַכט דערביי אַן ערנסטע מינע.

און דאָך האָט זי געפילט אין זיינע רייד, אין זיין בליק און אין זיין גאַנצן פאַרהאַלטן זיך צו איר, אַז ער האָט זי ליב, און אַז פריהער צי שפּעטער, נאָר דאָס קאָן פּאַסירן, זי זאָל ווערן זיין ווייב.

ווערן זיין ווייב! זי האָט זיך געשראָקן פאַר דעם געדאַנק. אַזוי פיל אומגעוויינליכס איז געלעגן אין אים, און זי האָט אַליין נישט געוואוסט, פאַרוואָס זי שרעקט זיך אַזוי: צי פאַר אַ גרויס אומגליק, צי פאַר אַ גרויס גליק.

זי האָט באַלד באַמערקט, אַז אויך בא ווײַנשטײנס ברודער אין הויז, אויף דער לעקציע, באַגייט מען זיך מיט איר נאָר אויף

אַ באַזונדערן שטייגער, נישט אַזוי ווי מיט אַ געוויינליכער לערערן. ס אָ נ י ע איז אַריינגעקומען אין דעם צימער, וואו זי האָט געלערנט מיט דעם קליינעם ב אָ ר י ס ן, געערערט ווען די לעקציעס, געפּלוי־דערט און פאַרנומען אומזיסט די צייט. דערביי האָט זיך פ י ד ל ע ר געפילט אונטער דעם בליק פון ס אָ נ י ע ס שוואַרצע אויגן, און אין דעם בליק איז געווען אַזוי פיל נייגיריגקייט און עפּעס אַ באַהאַלטענער שמייכל...

טיילמאָל, ווען זי האָט געהאַלטן באַם אַרויסגיין נאָך דער לעקציע, האָט זיך באַ דער טיר — פּלוצלינג, נישט צו וויסן, פון וואַנען זי האָט זיך גענומען — באַוויזן ס אָ נ י ע און געזאָגט האַלב ערנסט, האַלב שפּעטיש:

— וואַרט אַ מינוט, אַלעקסאַנדער וועט באַלד קומען.

— פ י ד ל ע ר איז רויט געוואָרן און זאָגנדיג קורץ, אַז זי האָט קיין צייט נישט, האָט זי זיך געאיילט אַרויסצוגיין.

אין הויז איז זי אַלעמען געפעלן. דאָס האָט פ י ד ל ע ר געפילט און דאָס האָט זי אויך נישט געוואונדערט. צו מאַכן אַ גוטן איינדרוק — דאָס איז געווען איר געוויינהייט, מיט וועלכער זי האָט זיך צוזאַמענגעלעבט, ווי אַ קינסטלער מיט זיין קונסט, ווי אַ באַרימטע שיינע פרוי מיט איר שיינקייט. אַפילו דער קליינער באָ ר י ס האָט זי ליב געקרינגן און איז צופרידן געווען, אַז זי איז געקומען. דערפאַר אָבער האָט ער נאָך מער פיינט געקרינגן די גובערנאַנטקע פון הויז, דאָס דייטשע פריילין.

— און פאַרוואָס האָב איך ליב פאַננאַ ליובאַ? ווייל פאַננאַ ליובאַ איז אַ גוטע, און פריילין — אַ שלעכטע, — אַזוי האָט ער געטענעט, ווען די מוטער האָט אים מוסר געזאָגט פאַר עפּעס אַ קאָנפליקט צווישן אים און דעם פריילין.

און ס אָ נ י ע האָט דאָס דערציילט פ י ד ל ע ר און דערביי געפרעגט:

— זאָגט, איך בעט איך, פאַרוואָס האָבן אייך קינדער אַזוי ליב?

— יאָ. קינדער האָבן מיך ליב; איך זיי האָב אויך זעהר ליב, שרעקליך ליב.

דעם אמת זאָגנדיג, האָט זיך ס אָ נ י ע איינגעקוקט אין פ י ד־לערס לייגגליך פּנים און בשום אופן נישט געקאָנט פאַרשטיין,

וואָס ראָ איז פאַראַן אַזאַ שיינס. „אַן אַנגענעמע — נישט מער", האָט זי געטראַכט. אין האַרצן האָט זי געקוקט אויף פ י ד ל ע ר מיט פאַראַכטונג און האָט זי גרינג געשעצט, און דאָך האָט זי זיך צו איר פאַרהאַלטן גוט און גערערט מיט איר ווי מיט אירס אַ גלייכן. איר איז געפעלן די ראָלע, וואָס זי שפילט דאָ אין אַלעקסאַנדערס אָנגעלעגנהייטן. זי האָט נישט געקאָנט דער־לאָזן, אַז אַלעקסאַנדער זאָל חתונה האָבן, און זי זאָל דערביי נישט נעמען קיין אָנטייל.

זי האָט אויך געוואָלט איר מאַן פאַרמישן אין דער זאַך, נאָר ער האָט זיך אָפּגעזאָגט:

— וואָס זאָגסט דו צו אונזער אַ ל ע ק ס אַ נ ד ע ר ן? ער האָט זיך דאָך, ווייסט, פאַרליבט אין דער לערערן...

ער האָט נאָר געצויגן מיט די אַקסלען און געענטפערט קאַלטבלוטיג:

— טאָ זאָל ער מיט איר חתונה האָבן.

— מיט איר חתונה האָבן! כאַ, כאַ, כאַ! וואָס פאַלט דיר איין? ביסט משוגע געוואָרן? זי איז אַן אָרים מיידל, אַן אַקושאָרקע...

— ווילסט מיך הערן, ס אָ נ י ע, צי נישט? פאָלג מיך און מיש דיך ליבער נישט אַריין. אַלץ איינס, דו וועסט סיי ווי סיי גאָרנישט פועלן, ער איז דאָך אַ משוגענער, און אַז דו וועסט זאָגן ניין, וועט ער זאָגן יאָ.

נאָר ס אָ נ י ע האָט נישט גערוהט. זי האָט געשריבן איר שווער און שוויגער וועגן דעם, געמאַכט אָנצוהערעניש איר שוואָ־גער, געשפּיאָנעוועט און געהאַט וואָס צו טון.

מיט פ י ד ל ע ר ן האָט זי אַמאָל פאַרפירט אַ געשפּרעך וועגן אַ ל ע ק ס אַ נ ד ע ר ן:

— ווי געפעלט אייך אונזער אַ ל ע ק ס אַ נ ד ע ר? — האָט זי געפרעגט — אמת, אַ וואוילער מענטש?

פ י ד ל ע ר איז רויט געוואָרן און האָט געענטפערט מיט אַן אומבאַשטימטער מינע. ס אָ נ י ע האָט ווייטער גערערט.

— זעהר אַ וואוילער מענטש. נאָר, ווייסט איר, אַזאַ מאָדנער. זאָגט מיר, צו וואָס האָט ער שטודירט מעדיצין, אַז קיין דאָקטאָר וועט ער סיי ווי סיי נישט ווערן? און צו וואָס האָט ער דאָס

נעראַרפט? איר ווייסט, דער פֿאָטער גיט אים דרייסיג טויזנט רובל נדן.

זי האָט געשווינגן אום צו זעהן דעם איינדרוק, וואָס די לעצטע ווערטער װעלן מאַכן. אירע שוואַרצע אויגן האָבן שעלמיש געקוקט אויף פ י ד ל ע ר, און פ י ד ל ע ר האָט צום ערשטן מאָל באַמערקט אין די אויגן עפּעס אַ קאַלטקייט, עפּעס פֿאַרביסנס קעגן איר.

מעריצין איז אַ גאַנץ אינטערעסאַנטע ווּיסנשאַפט. פֿאַרוואָס זי נישט שטודירן, אויב מען האָט די מעגליכקייט? — האָט זי קורץ באַמערקט און האָט זיך אויפגעהויבן און גענומען גיין.

— וואַרט, אַלעקסאַנדער קומט די מינוט.

און ווידער האָט פ י ד ל ע ר באַמערקט די קאַלטקייט און די גרינגשעצונג אין אירע אויגן און האָט אויפגעהערט צו רייִרן.

„אָך, וואָס פֿאַר אַ נישט־סימפּאַטישע זי איז, וואָס פֿאַר אַ בורזשואַזנע זי איז!“ — האָט זי געטראַכט, אַרויסגייענדיג.

זי האָט געפילט, ווי אין איר האַרץ וואַקסט אַ האַס צו דער שיינער שוואַרצער פרוי מיט איר לאַנגער אויסגעטאָקטער נאָז, מיט אירע שוואַרצע קיילעכדיגע ברעמען און מיט איר קאַלטן בליק. דאָס איז געווען דער בלינדער ה אַ ס, וואָס פרויען דערשפּירן אַזוי גיך צו אַ מענשן, וואָס שטעלט זיך זיי אויפן וועג, — אַ שטילער שטומער, נאָר ברענענדיגער האַס.

און דאָך האָט זי יערן טאָג געמוזט קומען צו דער פרוי, רייִרן מיט איר, שמייכלען און מאַכן אַ גוט פּנים. פֿאַר איר נעקוועלט, נאָר נאָך נישט קיין נעבראָכן האַרץ, איז דאָס נישט לייכט געווען איבערצוטראָגן.

ווען זי האָט זיך דערמאָנט אָן איר פּלאַן צו פֿאָרן אין דאָרף, האָט דאָס האַרץ אַ ציטער געגעבן, און די געראַנקען האָבן זיך פֿאַרווירט אין איר קאָפּ.

„שרעקליך! שרעקליך!“

און ווידער איז זי געזעסן אויפן ווינשטול בײַ װ י י נ ש ט י י נ ע ן, און ער האָט איר עפּעס דערציילט מיט זיין ווייכער שטים און האָט געקוקט אויף איר מיט פֿאַרליבטע אויגן, און איר איז ווידער געוואָרן פרייליך און לוסטיג, און זי האָט געלאַכט, געלאַכט...

ער האָט גענומען איר האַנט אין ווײנע, — זי האָט געוואָלט פּראָטעסטירן און האָט געשוויגן; ער האָט געקושט אירע האָר. לײכט באַרירט מיט זײנע ליפּן איר שטערן, — זי האָט געוואָלט שרײען און האָט נישט געשריען.

ערשט ווען זי איז געקומען אַהײם אין איר צימער און האָט גענומען לעזן אירע בּראָשורן, אָדער רײרן מיט קראַטאָוואַן, איז איר ווידער געוואָרן שווער אויפן האַרצן, און ווידער האָבן זיך די געדאַנקען פאַרווירט און ווידער האָט זי געזיפצט:

„שרעקליך! שרעקליך!"

שרעקליך איז אַלץ געווען. שרעקליך איז געווען צו טראַכטן ווענן דעם גליק, וואָס וואַרט אויף איר, צו געניסן פון ליבע און רײכקײט; שרעקליך איז געווען דער געדאַנק, אַז זי זאָל חתונה האָבן מיט אַ מענטשן, וואָס — ס'קאָן זײן — זי ליבּט אים נישט; שרעקליך איז געווען דער ספק, טאָמער איז די גאַנצע זאַך פאַר אים נאָר אַ שפּיל, און ער וועט זי פאַרלאָזן; שרעקליך איז אויך געווען צו טראַכטן ווענן אַ לעבן פול נויט, לאַנגווײליגקײט און מאַנגל און שרעקליך, אומגעהויער שרעקליך, איז געווען די שאַנד פאַר אירע חברטעס, פאַר זיך, פאַר איר געוויסן!

אויף דער טיר פון איר צימער איז געהאַנגען אַ נײע טײערע ווײרענע בּלוזע. די בּלוזע האָט געהאַט איר געשיכטע:

אין טעאַטער האָט אַרויסגעטראָטן עפּעס אַ בּאַרימהײט. ס אָ נ י ע האָט געהאַט אַ לאָזשע פאַר זיך, פאַר איר מאַן און ד״ר ו ו י י נ ש ט י י נ ע ן; די פערטע האָט געוואָלט זײן — פ י ר ל ע ר. אַז ד״ר ו ו י י נ ש ט י י ן האָט איר פאָרגעלעגט צו גײן מיט זײ אין טעאַטער, אין אַ לאָזשע, האָט זי געמײנט, אַז ער וויצלט זיך: ווען ער האָט אָבּער ווידער דערפון גערעדט, האָט זי נאָר געלאַכט:

— רעדט נישט קײן נאַרישקײטן. נאָך דאָס פעלט מיר — אין אַ לאָזשע, אַזוי געקלײדעט...

ער האָט גאָרנישט געענטפערט. נאָר ווען זײ זײנען אַרויס־געגאַנגען אויף דער גאַס און פאַרבּײ פאַר אַ רײכן מאַגאַזין פון דאַמען־קלײדער, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און כמעט זי גע־צוואונגען, זי זאָל זיך עפּעס קויפן.

— אײך קומט דאָך פֿאַר אַ לעקציע — האָט ער אויסגערעדט— װעל איך דערװײל אויסלײענען.

אַזוי איז געקויפֿט געװאָרן די בלוזע. אין טעאַטער דערנאָך האָט זי זיך געפֿילט שלעכט אונטער די בליקן פֿון סאָניען און איר מאַן, װאָס האָט געקוקט און געקוקט אויף איר דורך זײנע ברילן און קײן װאָרט מיט איר נישט גערעדט. אָט אויף דער דאָזיגער בלוזע האָט פּירלער נישט געקאָנט קוקן גלײכגילטיג. זי האָט גערעדט און דערצײלט פֿון עפּעס אַן איבערקערעניש, װאָס איז פֿאָרגעקומען אין איר...

— װײסט, װאָס איך װעל טון? — האָט זי געזאָגט צו קראַטאָװאַן — מאָרגן װעל איך טראָגן די בלוזע אין לאָמבאַרד, װעט זײן צו צאָלן פֿאַר מיטאָגן.

— נײן, מען דאַרף נישט. זי קלײדט דיר אַזוי שײן. דו ביסט גאָר אַ שײנהײט אין איר.

— דו לאַכסט פֿון מיר. דו האָסט מיך מער שוין נישט ליב, נישט װאָר? זאָג... האָט פּירלער גערעדט, און בײַ די לעצטע װערטער האָט איר שטים געציטערט.

נאָר קראַטאָװאַ האָט גאָרנישט געענטפֿערט דערויף. זי האָט נאָר איבערגעװישט איר דיקע האַנט איבער פּירלערס שטערן מיט אַ פֿוילער באַװעגונג און געזאָגט:

— דו ביסט אַ נאַר. — און אויף איר פּנים איז געלעגן אויסגעגאָסן דער ברײטער רוהיגער, רוסישער געלעכטער.

VI

דער װינטער איז דערגאַנגען צום סוף, און עס האָבן זיך אָנגעהויבן די טעג פֿון פֿאַר־פֿריהלינג מיט זײערע נײַע װינטן, די װײכע און פֿרישע, װאָס טראָגן זיך אין דער לופֿט, װעקן און מינטערן און ברײנגען אַרײן אַ זיסע אומרוהיגקײט אין אַלץ. אומרוהיג איז געװאָרן אין דער נאַטור, אומרוהיג און באַנג אויפֿן האַרצן.

די בוימער אין שטאָט־גאָרטן האָבן שוין לאַנג אַראָפּגע־טרייסלט פון זיך דעם שניי, האָבן שטיל געשאָקלט מיט די נאַקעטע צווייגן און געוואַרט און געחלומט פון דעם גוטן גרינעם מלאָך, וואָס וועט קומען באַנאַכט זיי צו קושן און באַפּרוכטן. די וואָלקנס אויפן הימל האָבן זיך געטראָגן געשווינד, ווי זיי וואָלטן איילן עפּעס צו פאַרריכטן, עפּעס צו צוגרייטן; און ווי זיי זיינען פאַרשוואונדן, האָט דער הימל אַרויסגעקוקט, און די וואַרעמע זון — אַ ניי־געבוירענער בלאָהער הימל, אַ ניי־געבוירענע ליבע זון.

און די נעכט זיינען פול געווען מיט בענקשאַפט און ציטעריגע האָפענונגען. אַ לייכט פרעסטל האָט געכאַפּט, אויף די טראָ־טואַרן איז געווען גליטשיג, און דאָס דינע אייז האָט לוסטיג געקנאַקט אונטער די פיס. און דער לינדער ווינט, וואָס האָט געבלאָזן, האָט וואַך געמאַכט יעדן נערוו, געדרייצט דאָס בלוט אין די אָדערן.

ערגעץ ווייט, אין טיפן וואַלד, האָט דער בער זיך געוועקט אין זיין בערלאָגע, סאַרנעס האָבן פול געמאַכט דעם וואַלד מיט ווילדע געשרייען. אין שטאָט האָבן מענשליכע הערצער געציי־טערט און איבערגעריסענע חלומות האָבן זיך גענומען ווייטער וועבן.

אַן אומרוהיגע, געפערליכע צייט פאַר יונגע הערצער.

ערשט נאָך האַלבער נאַכט איז פ י ר ל ע ר געקומען אַהיים, אויסגעטאָן און געלעגט זיך אין בעט, נאָר שלאָפן האָט זי נישט געקאָנט.

ק ר אַ ט אָ ו ו אַ שלאָפט שוין. זי האָט אַפילו נישט געהערט, אַז פ י ר ל ע ר איז געקומען און האָט זיך געלעגט נעבן איר אין בעט. אַ גוטער, צופרידענער שמייכל ליגט אויסגעגאָסן אויף איר פנים, איר הויכע פולע ברוסט באַוועגט זיך פּאַמעליך, און רוהיג איז זי, רוהיג! קיין מוסקל רירט זיך נישט אין איר פנים, איר חלומט זיך, קענטיג, גאָרנישט. עס דוכט זיך, אַז דער יונגער בליהענדיגער קערפּער וואַרט אָהן זאָרג, אָהן ציטערניש און אָהן בענקשאַפט אויף זיין באַשערטן, וואָס וועט קומען און מוז קומען.

פּ י ד ל ע ר האָט שוין אויסגעלאָשן די לאָמפּ און צוריק זי אָנגעצונדן. איר איז אייננ אין בעט, רושנע — אין צימער. עפּעס ווילט זיך הויך לאַכן, אָדער הויך וויינען, אָדער שרייען פאַר אַנגסט, אָדער אין דער שטיל אויסניסן דאָס האַרץ פאַר עמיצן אין פאַרטרויטע ווערטער.

„גאָט דו מיינער! גאָט דו מיינער!" זיפצט זי.

וואָס ציטערט אין איר יעדער נערוו? וואָס קלעמט אַזוי דאָס האַרץ? און וואָס פאַר אַ גיפט האָט צערייצט איר בלוט?

וואָס ז אָ ל זי טון, וואָס ו ע ט זי טון? פאַרוואָס איז איר לעבן געוואָרן אַזוי פאַרווירט?

און זי פאַנטאַזירט פון אַ ברונעטן יונגענמאַן, מיט שוואַרצע האָר, מיט גליהענדיגע אויגן, מיט מעכטיגע הענט, וואָס וועט קומען זי אַרומנעמען, פעסט, פעסט אַרומנעמען, אַז יעדער גליד אירער זאָל פילן זיין יונגע קראַפט, און ער, דער אויסלייזער, דער איידעלער, וועט זי אַוועקטראָגן אין זיינע אָרעמס ווייט, ווייט, — אין דאָרף אַריין, דאָרט וואו זי וועט אויפלעבן, וואו דאָס לעבן וועט זיין אַזוי גליקליך און ריין און שיין...

נאָר אָט האָט מען געקלונגען אין טויער, און פּ י ד ל ע ר האָט געפילט, ווי זי הויבט זיך אָן צו שרעקן, ווי האָט זיך געשעמט, וואָס זי שרעקט זיך: זי האָט נעדריינקט, אַז פריהער איז דאָס געפיל איר פרעמד געווען, נאָר ערשט אין דער לעצטער צייט איז זי געוואָרן אַלץ איבערגעשראָקענער און איבערגעשראָקענער... זי האָט זיך צוגעהערט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם, וואָס אונטן טוט זיך. מען האָט אָנגעהויבן צו גיין אויף די טרעפּ, געגאַנגען זיינען עטליכע מענשן. די טריט זיינען דורך איין פאָר טרעפּן, אַ צווייטע, און האָבן אַלץ נישט אויפגעהערט: ווי אַ קלאַנג פון שפּאָרן האָט זיך געהערט...

„צי אין אמתן טאַקע?" האָט זי געטראַכט אין שרעק.

זי האָט געוועקט איר חברטע:

— מ אַ ר י אַ, רוכט זיך, צו אונז...

נאָר ק ר אַ ט אָ ו ו אַ האָט נישט אויפגעוואַכט, ביז די טריט זיינען געוואָרן גאָר נאָהענט, און מען האָט אָנגעקלאַפּט אָן דער טיר.

— ווער איז דאָרט? — האָט פּ י ד ל ע ר געפרעגט.

אַ טעלעגראַם, — האָט זיך געהערט דער באַקאַנטער ענטפער.

קראַטאָוואַ האָט זיך אויך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, גע־עפנט ברייט די אויגן און אַרומגעקוקט זיך, ווי זי זאָל וועלן דערגיין, וואָס דאָ איז געשען. נאָר דערהערנדיג דאָס וואָרט „אַ טעלעג־ראַם“, איז איר באַלד אַלץ קלאָר געוואָרן, און זי האָט זיך געכאַפּט אויף דערגיך אָנטון.

אָן דער טיר האָט מען גענומען קלאַפּן נאָך שטאַרקער.

— וואַרט אַ ווײַלע, מיר טוען זיך אָן. — האָט קראַטאָוואַ געזאָגט.

— מיר וועלן די טיר אויסברעכן, שיסן, די מינוט עפענען!

— מען קאָן? האָט קראַטאָוואַ געפרעגט פּידלערן, וואָס האָט געהאַלטן באַם אָנטון דעם ערשטן שוך.

נאָר באַ דער טיר האָט מען גענומען רייסן אַזוי שטאַרק, אַז עס איז נישט געבליבן קיין אַנדערע עצה, ווי באַלד צו עפענען.

עס איז אַרײַנגעקומען אַ זשאַנדאַרמסקער אָפיצער, אַ הויכער, אַ בלאַסער, מיט זעהר לאַנגע וואָנצעס, עטליכע פּאָליציאַנטן און דער סטרוזש פון הויז. אין צימער איז אַלץ אײַנג געוואָרן. עס האָט זיך אָנגעהויבן די רעוויזיע.

„הייסט עס, איך בין אַרעסטירט—האָט פּידלער געטראַכט—נו, גוט, אַבי אַ סוף, אַבי אַן ענדערונג“. און דאָך האָט איר האַרץ געקלאַפּט, אין מויל איז איר מיט איינמאָל געוואָרן שרעקליך טרוקן, און אויף די געוויינליכע פראַגעס, ווער זי איז, האָט זי געענטפערט מיט אַ ציטעריג קול. דערפאַר האָט קראַטאָוואַ געענטפערט גאַנץ רוהיג, און נאָר אין אירע אויפגעריסענע, ברייט־געעפנטע אויגן איז געווען צו דערקענען, אַז זי איז אויפגערעגט.

דער אָפיצער האָט נישט געהאַט לאַנג צו זוכן. אין שופלאָד פון טיש האָט ער באַלד געפונען עטליכע בראָשורן, באַטראַכט זיי אין דער האַנט, דורכגעלעזט די טיטלען און האָט צופרירן געשמייכלט.

— אָט האָבן מיר אויך געפונען, — האָט ער געזאָגט, ציהענדיג פאַר אַ וואָנצע און באַטראַכטנדיג מיט אַ שמייכל די צוויי מיידלאַך.

— וועמען געהערט דאָס? האָט ער געפרעגט שטרייגג.

„דאָס איז מײנס", האָט פּ י ר ל ע ר געװאָלט ענטפערן, נאָר זי האָט געשװיגן. איר האָט זיך געדוכט, אַז זי האָט באַװעגט די ליפּן, אַז זי האָט די װערטער גערערט, נאָר זײ זײנען עפּעס נישט אַרויס פון איר מויל. דערפאַר האָט זי קלאָר און דײטליך געהערט, װי ק ר אַ ט אָ װ ו אַ האָט געזאָגט:

— דאָס געהערט מיר.

און דער אָפיצער האָט געענטפערט:

— גוט.

„דאָס װיל זי נעמען אַלץ אויף זיך און מיך פרײ מאַכן — האָט זי געטראַכט — נײן, נײן! דאָס װעט אַזױ נישט בלײבן, בשום אופן נישט". זי איז געשטאַנען און געגלאָצט מיט די אויגן און געזוכט עפּעס צו טון.

— איז דאָס אײערס, ק ר אַ ט אָ װ ו אַ — האָט דער אָפיצער געזאָגט — און איר, װאָס האָט נאָך, פּ י ר ל ע ר? גיט בעסער באַלד אַהער, װעלן מיר פאַרשפּאָרן צו זוכן. אַ שאָד די צײט.

פּ י ר ל ע ר האָט געענטפערט בײז:

— זוכט, אויב איר װילט.

די פּאָליציאַנטן האָבן גענומען שאַרן אין אַלע װינקלען. דער אָפיצער האָט קאָמאַנדעװעט, געזוכט אין אויװן, אין בעט, אונטערן בעט, געקלאַפּט אין דער װאַנט, נאָר מער האָט ער גאָרנישט געפונען. ק ר אַ ט אָ װ ו אַ איז די גאַנצע צײט געשטאַנען נעבן טיש. פילנדיג זיך אַרעסטירט, האָט זיך איר געדוכט, אַז זי קען זיך נישט אַלײן, מיט איר אײגענעם װילן, באַװעגן. פּ י ר ל ע ר איז געזעסן אויפן בעט, און אין איר מוח איז פאָרגעקומען אַ פײנענדיגע אַרבעט.

„נײן, נײן! דאָס קאָן אַזױ נישט בלײבן!" — האָט זי געטראַכט— מען דאַרף זאָגן, אַז דאָס איז מײנס". און האָט זיך פאָרגעגרײט דאָס צו זאָגן, נאָר זי האָט נישט געװאוסט, אין װאָס פאַר אַ פאָרם דאָס צו טון. דערנאָך איז איר געקומען אַן אַנדער געדאַנק אין קאָפּ אַרײן: ק ר אַ ט אָ װ ו אַ װעט זי סײ װי סײ דערמיט נישט העלפן, און אָנשטאָט אײן אָפּפער, װעלן נאָר זײן צװײ. אויסער דעם האָט זי נישט געװאוסט, צי מען װעט זי אַזױ

אויך נישט אַרעסטירן, און שפּעטער, אויפן „ראָפּראָס״, רעמאָלט װעט מען שוין זעהן...

פלוצלינג האָט זיך קראַטאָװאַ אויסגעדרייט צו איר מיטן פּנים, זייערע בליקן האָבן זיך געטראָפן, און פידלער האָט אין דעם מאָמענט דערפילט אַ ברענענדיגן װייטאָג אין איר האַרץ:

„אַ שאַנר! אַ שאַנר! איך בין אַ פאַלשע, אַ פאַלשע, אַ פאָרלע! אַ פאַרעטערן!״ האָט זי זיך געזידלט.

דער פּראָטאָקאָל איז שוין געװען פאַרטיג, דער אָפּיצער האָט אים דורכגעלעזן און געגעבן אַלעמען זיך אונטערצושרייבן. פידלער האָט שוין איצט געװאוסט אויף זיכער, אַז קראַטאָװאַ איז אַרעסטירט, און זי בלייבט פריי, און האָט נאָך געמאַכט די לעצטע אָנשטרייננגונג:

— נעמט אויך מיך — האָט זי געזאָגט צו דעם אָפּיצער. ער. האָט נאָר װידער געצװינגן רוהיג אַ װאָנצע און געענטפערט:

— עס װעט קומען אַ צייט, װעט מען אויך אייך נעמען, דערװייל שפּאַצירט נאָך אויף דער פרייהייט, פּריילין. און איר, סוראַרינאַ — האָט ער זיך געװענדט צו קראַטאָװאַ — דערלויבט זיך אָנצוטון. מיר גייען.

קראַטאָװאַ האָט אָנגעטאָן איר זשאַקעט און איז צוגע־גאַנגען זיך געזעגענען מיט פידלער. אירע אויגן האָבן גע־פינקעלט פאַר פרייד. זי האָט זיך, קענטיג, שוין צוגעװיינט צו דעם געדאַנק, אַז זי איז אַרעסטירט און איז צופרידן געװען און שטאָלץ, װאָס זי האָט זיך אַזוי גוט געהאַלטן.

— בלייב געזונט, — האָט זי געזאָגט — אַהיים קאָנסט דו שרייבן, אויב מען װעט פרעגן. נאָר שרייב, אַז איך װעל באַלד פריי װערן. געריינק.

און זיי האָבן זיך צעקושט.

— בלייב געזונט, טייערע, — האָט פידלער געזאָגט און געװאָלט זיך עפּעס פאַרענטפערן; נאָר זי האָט מער נישט גע־קאָנט רייךן. זי איז פלוצלינג אויסגעבראָכן אין אַ געװיין.

— פאַרצייַ... פאַרצייַ... האָט זי נאָר געשטאַמלט — איך בין אַ פאַלשע... אַ פאָרלע...

באַלד האָט מען אױפֿגעװעקט קראַטאָװאַ. באַם אַרױס־גײן פֿון דער טיר, האָט זי זיך אומגעדרײט און געקוקט אױף פּירלער. אין אירע אױגן איז געװען דער זעלבער גלאַנץ און אױף איר גאַנץ פּנים איז געװען אױסגעגאָסן אַ געפֿיל פֿון װיכטיגקײט. פּירלער האָט נאָך געװאָלט צוגײן צו איר, נאָר אין דעמזעלבן מאָמענט האָט קראַטאָװאַ איבערגעטראָטן די שװעל, און נאָך איר איז אַרױס פֿון צימער דער אָפֿיצער מיט די פּאָליציאַנטן.

זי איז געבליבן אַלײן אין איר צימער, אַלײן מיט איר שװער געװיסן, אַלײן מיט אירע טרערן. פֿון דער װאַנט האָט נאָר געװאונקען די גײע בלוזע...

די עטליכע שעה, ביז עס איז טאָג געװאָרן, האָבן זיך געצױגן װי אַ גאַנצע אײביגקײט. זי האָט שױן געהאַט געשפּאַנט אַ צײט־לאַנג איבער איר צימער אַרױף און אַראָפּ און געדריקט אירע שלײפֿן מיט די הענט, ביז זי איז מיד אַנידערגעפֿאַלן אױפֿן בעט, באַדעקט מיטן קישן דאָס פּנים און געװײנט; זי האָט שױן צוגעגאָסן נאַפֿט אין לאָמפּ, װאָס האָט געהאַלטן באַם אױסגײן,— און די נאַכט האָט זיך געשלעפּט און געשלעפּט גאָר אָהן אַ סוף. צום סוף האָט די פֿינסטערקײט אױף די שױבן אָנגעהױבן העלער צו װערן. עס האָט געטאָגט.

פּירלער האָט אױסגעלאָשן די לאָמפּ, אױפֿגעמאַכט דאָס פֿענסטער און אַרױסגעשטעקט דעם קאָפּ. אַ לינדער װינט האָט געבלאָזן, דער הימל איז געװען קלאָר, אָהן װאָלקנס, און ציטעריגע שטערן האָבן נאָך קוים, קוים געשימערט. זי האָט זיך געפֿילט מיד, שרעקליך מיד און האָט זיך געזעצט אױף אַ בײנקל נעבן פֿענסטער און געטראַכט. די העלקײט פֿון אױפֿגײענדיגן טאָג האָט אַרײנגעבראַכט אַ פֿרישקײט און קלאָרקײט אין אירע פֿאַרװירטע געדאַנקען.

און אין דערפֿריה, װען זי האָט פֿאַרלאָזט איר צימער, איז בײַ איר אַלץ שױן קלאָר געװען און פֿאַרטיג: זי מוז אַװעקפֿאָרן! אַװעק פֿון דאַנען, װאו איר לעבן האָט זיך אַזױ פֿאַרפּלאָנטעט, אַװעקפֿאָרן און צוריק װערן די זעלבע װאָס אַמאָל, — מיט איר

שטילער בײנקשאַפט, מיט אירע שטילע לײדן, מיט אירע שטילע חלומות.

נאָך דרעמועלבן טאָג, נאָך מיטאָג, איז זי אַרײנגעקומען צו ר״ר װײנשטײנען. ער האָט זיך דערשראָקן פאַר איר פּנים. זי איז געװען בלאַס און האָט געהאַט אַן ערנסט שרעקליך אױסזעהן.

— װאָס איז אײך? איר זײט נישט געזונט? זעצט אײך... האָט ער געזאָגט.

נאָר זי האָט זיך נישט געזעצט.

— איך בין געקומען זיך מיט אײך געזעגענען, הער װ ײ נ ־ ש ט ײ ן, איך פאָר נאָך הײנט אַװעק. יאָ, מיר פעלט נאָך צו עטליכע רובל אױף דער הוצאה. איר קאָנט מיר באָרגן?

— נאָר װאָס איז אײך, װאָס? איך פאַרשטײ נישט... זעצט אײך. — און ער האָט איר צוגעטראָגן אַ בײנקל.

פ י ר ל ע ר האָט זיך פאָרגענומען צו זײן מיט אים שטרײנג. דורך דער נאַכט האָט זי אים נישט אײנמאָל טיף געהאַסט. נאָר איצט, פילנדיג זײן גוטן, װײכן בליק אױף זיך, האָט זי װידער עפּעס װי מורא געהאַט, זי זאָל אים נישט באַלײדיגן, און האָט זיך געזעצט.

— נו, דערצײלט: װאָס איז? צו װאָס פאָרט איר?

— איך דאַרף פאָרן. איך האָב שױן געענדיגט: װאָס זאָל איך דען דאָ טון?

— הערט, — האָט ער געזאָגט, און זײן שטים איז געװאָרן ערנסט, אָהן לײכטקײט און אָהן שמײכל — הערט, ליובאַ, בלײבט דאָ, בלײבט און זײט מײן פרױ, איך ליב אײך...

ער האָט גענומען איר האַנט. אַ װײלע האָט זי געטראַכט, נאָר באַלד האָט זי לײכט אַרױסגעצױגן איר האַנט פון זײנע און געזאָגט:

— נײן, ה׳ װ ײ נ ש ט ײ ן. דאָס איז אוממעגליך. איר האָט געהאַט אַ טעות. אַנטשולדיגט.

זי האָט די װערטער אַרױסגערעדט קלאָר און רײטליך, מיט פאַרגעניגן און שטאָלצקײט, און געפילט, װי יעדעס װאָרט מאַכט איר לײכטער און פרײער דאָס האַרץ.

ד״ר ווײנשטײן האָט נאָר אָפּגעווישט זײן שטערן מיט דער האַנט. זײן פּנים האָט אָנגענומען אַ לײַרנריגן אױסדרוק. ער האָט עטליכע מאָל געשפּאַנט איבערן צימער און געזאָגט.

— אַנטשולדיגט אױך...

באַ איר אַרױסגײן האָט ער איר פעסט געדריקט די האַנט, אױף זײן פּנים איז װידער געלעגן דער קאַלטער שמײכל, און ער האָט געזאָגט:

— אַנטשולדיגט, אַנטשולדיגט. דערמאָנט נישט צום בײזן.

און אין עטליכע טעג אַרום איז פּירלער אַװעק פון װאַרשע.

פון יענער צײט זײנען שױן דורך צװײ יאָר. ד״ר װײנ־שטײן האָט געלעבט אין אױסלאַנד. דורך דער צײט איז דער פאָטער געשטאָרבן, ער האָט באַקומען אַ גרױסע ירושה און האָט נישט געװאוסט, װאָס צו טון מיט דעם געלט, װאָס צו טון מיט זיך. װעגן פּירלער האָט ער שױן געהאַט פאַרגעסן.

אַ צופאַל אָבער האָט אים דערמאָנט אָן איר. ערשט נישט לאַנג האָט ער געװאױנט אין דער שװײץ, באַ אײנער פון די שײנע אָזערעס. אַװנטס האָט ער לאַנג שפּאַצירט ביז שפּעט אין דערנאַכט און איז אַהײם געקומען שלאָפן. אין בעט, פאַרן שלאָף, האָט ער, געװײנליך, גענומען לעזן די רוסישע צײטונג, װאָס האָט אים געבראַכט יערן טאָג נײעסן פון דעם לאַנד, װאָס האָט באַ אים שױן אױסגעזעהן װי אַ פרעמדע װעלט. אָט אין דער צײטונג האָט ער געטראָפן דעם באַקאַנטן נאָמען:

„נעכטן איז דאָ אױפגעהאַנגען געװאָרן די מערדערין פון גענעראַל A. די אידין, ליובע פּירלער״ — האָט ער דאָרט געלעזן.

ער איז יענע נאַכט מער נישט געשלאָפן, נאָך עטליכע טעג דערנאָך געװען װי באַטױבט, און באַנאַכט האָבן זיך אים געחלומט באָמבעס און געהרגעטע, תּליות און שטײפע מענשליכע קערפּערס, װאָס דער װינט האָט געשאָקלט...

ראַיאַ־מאַנאָ

I

דאָס לאַנד פון די פינף טייכן, וואו די זון ברענט אַזוי הייס איבער די קעפּ און די לאָטוס־בלום בליהט, איז געבענטשט געווען מיט נביאים, וואָס זיינען געשאָנקען געוואָרן דעם פאָלק, אים צו באַלערנען און צו זיין זיינע העלפערס און פירערס אויף די דאָרנדיגע וועגן פון לעבן און דורך די פינסטערע טויערן פון טויט. מיט צוטרויען האָבן די הערצער פון פאָלק אַנטקעגן געשלאָגן צו די רייד פון די נביאים; זייערע נעמען זיינען באַרימט געווען אין לאַנד, און איין ברכה איז געווען פאַר יעדער מאַמען: „גאָט זאָל געבן אַ נביא פון דיינע געדערים“.

וויל דאָס פאָלק פון דעם לאַנד, און נאָר באַזונדער יעדער שטאַם, וואָס האָט געוואוינט בּאַ די ברעגן פון היילינן גאַנגוס, האָט אין געטומל פון לעבן נישט פאַרגעסן זיין אַלטן יחוס, וואָס איז איבערגעגעבן געוואָרן פון טאַטעס צו קינדער, אַ דור צו אַ דור. די אַלטע מסורה האָט דערציילט פון אַן איידעלער, דערהויבענער ראַסע, וואָס שטאַמט אָפּ פון די געטער אַליין און איז אַראָפּגעשיקט געוואָרן אויף דער טרויעריגער ערד אָפּצוקומען פאַר אירע זינד. דעריבער האָט אַ טאָן פון טרויער שטענדיג געקלונגען אין זייער נשמה, און זייער האַרץ איז געווען אָפן און וואַכעדיג פאַר גייסט און זאַכן פון גייסט. די אַרבעט האָבן זיי נישט ליב געהאַט, און זייער לעבן האָט נישט געקאָנט אויספילן דאָס, וואָס אַ מענש טוט, כדי צו דערהאַלטן זיין לעבן; זיי האָבן ליב געהאַט דאָס ליידיג־גיין, דאָס גאָר־נישט־טון, דאָס טראַכטן און חלומען, דאָס לאַנגע ליגן אויפן גראָז, פאַרבּיינקט איינצוקוקן זיך אין דער טיפעניש פון הימל און אין דעם אָפּגרונט פון דער

איינענער נשמה. מען האָט נאָך רעמאָלט נישט געוואוסט פון אָפּיום, וואָס באַרוישט און וועבט פאַרכשופטע געלוסטיגע פאַנ־טאַזיעס, דעריבער האָבן מענשן זיך געווענדט צום לעבעדיגן וואָרט, וואָס אין מויל פון די נביאים, וואָס האָט זיי געוועקט און דערהויבן.

צווייערליי נביאים זיינען געווען: נביאים פון טרויער און נביאים פון געלעכטער, און ביידע האָבן איין לערע געלערנט:

אַ בראַנד־פייער איז די וועלט, יעדער פאַרלאַנג פון אייער האַרץ איז אַזוי, ווי שטרוי אויפן פייער, און יעדעס באַגערן — אַ נייער פלאַם, וואָס פאַרצערט. ווייל אַ פאַרלאַנג געבירט אַ פאַרלאַנג, און באַגערן — באַגערן, און דער בראַנד איז גרויס און אָהן אַ סוף. צו וואָס מאַטערט זיך דער מענש צו דערפילן זיין האַרץ, און דאָס האַרץ ווערט קיינמאָל נישט פול, און דער גייסט ווערט קיינמאָל נישט זאַט. אַ קליינער פונק אין אייער האַרצן איז דער ווילן צום לעבן, און איר האָט אים אויפגעבלאָזן, און איצט זעהט! ער האָט זיך צעפלאַקערט, און איר שטייט אין מיטן די פלאַמען, און נישט קיין וואַסער האָט איר געבראַכט צו לעשן, נאָר האָלץ און שטרוי האָט איר צוגעלעגט.

אַזוי האָבן די נביאים געלערנט, און דאָס פאָלק האָט גע־האָרכט און גענומען זיך די רייד צום האַרצן.

האָט אַ נביא פון טרויער גערעדט, איז זיין קול געווען ווייך און ציטעריג און האָט זיך גענאָסן מיט פיל באַרעמהערציגקייט, און אַזוי ווי די טענער פון אַ האַרפע, וואָס שווימען דורך דער פינסטערער נאַכט פון ערגעץ ווייט, ווייט, אַזוי האָבן זיך דעם נביאס ווערטער אַריינגעזאַפּט אין די הערצער און האָבן געגלעט און געהיילט. מענשן האָבן געהערט, און זייער האַרץ האָט זיך באַרוינקט אויף זייער גורל, אויף זייער מאַטערניש, וואָס הערט קיינמאָל נישט אויף. און ווען דער נביא פון געלעכטער האָט גערעדט, איז זיין קול געווען קלאָר, ריין און דורכזיכטיג, אַזוי ריין, ווי דאָס קול פון אַ זילבערנעם גלאָק. נישט געשטראָפט, נאָר אויסגעלאַכט האָט ער די זינדיגע נאַרישקייט פון דער וועלט; פאָרעמווייז, פאָרעמווייז האָט ער צענומען די נעץ, וואָס די פאַנ־טאזיע האָט אויסגעוועבט אַרום דעם מענשליכן גייסט, כּדי אים

צו פֿאַרפֿלאָנטערן און צו פֿאַנגען מיט פֿאַרשיידנאַרטיגקייט, מיט מיה און זאָרג. און מענשן האָבן געהאָרכט, און די ווערטער האָבן זיי רערקוויקט און דערפֿרישט.

יערער נביא איז בּאַלר פֿון דער מאַמעס בּויך בּאַשטימט געוואָרן פֿאַר זיין היילינ שליחות. די גוטע בשורה איז אָנגעזאָגט געוואָרן דער מוטער, ווי נאָר זי האָט אָנגעהויבּן צו טראָגן, און אַז דאָס קינד איז אַרויס פֿון דער מוטערס שויס, האָט עס זיך בּאַלר געשטעלט אויף די פֿיס, געמאַכט זיבּן טריט פֿאָראויס און האָט זיך אויסגעדרייט און געמאַכט נאָך דריי טריט און זיך געבּוקט פֿאַר אַלע פֿאַרזאַמלטע. און מען האָט געזעהן: האָט זיך אַ קנייטש בּאַוויזן אויף זיין שטערן, איז עס געווען אַ סימן, אַז ער וועט אויסוואַקסן אַ נביא פֿון טרויער; האָט זיך אָבּער אַ שמייכל בּאַוויזן אויף זיינע ליפּן, האָט מען געוואוסט, אַז אַ נביא פֿון געלעכטער איז ער.

אויפֿן בּרעג פֿון היילינן גאַנגוס איז אין יענע צייטן געשטאַנען אַן אַלטע געבּיירע: די טעמפּלען פֿון גאָט פֿון טרויער און פֿון געלעכטער. אין דעם טרויער־טעמפּל איז מען אַריינגעגאַנגען דורך דער יבשה. ווער עס האָט געהייליגט זיין נשמה און זיין גוף לויטן געזעץ, האָבּן אים די פּריסטער אַריינגעפּירט אינעווייניג אַריין, האָבּן אַראָפּגענומען דעם שלייער פֿון דער הייליגער געשטאַלט, און דער מענש האָט געזעהן אַ טרויעריג פּנים — אויגן, פֿול צער, און אַ שטערן, וואָס אַ שווערער וואָלקן פֿון געלייטערטער מיה־זעליגקייט איז געלעגן אויף אים. אָבּער צום גאָט פֿון געלעכטער איז מען צוגעקומען דורכן וואַסער. צום ערשטן האָט זיך דער מענש געמוזט לאָזן אַליין אויף אַ שיפֿל דורך די כוואַליעס, וואָס האָבּן האַסטיג געשלאָגן אויף יענעם אָרט. ער האָט געמוזט אַרויסווייזן אַ פֿאַראַכטונג צום טויט, און אַז ער איז בּשלום דורכגעקומען דעם וועג, האָט ער זוכה געווען צו זעהן די הייליגע געשטאַלט פֿון גאָט פֿון געלעכטער, מיט זיינע טיפֿע גוטע אויגן, מיט די צוויי קנייטשן בּאַ בּיידע זייטן פֿון מויל, און מיט די פֿיל קנייטשן פֿון שטערן, וואָס האָבּן דערציילט פֿון טרויער, וואָס איז שוין אַריבּער, פֿון לעבּן און מיה־זעלינקייט, וואָס איז איבּערוואונדן געוואָרן, פֿון בּערג, וואָס זיינען אויסגעגלייכט גע־

װאָרן, און פון אָפּגרונטן, װאָס זײַנען אױסגעפּילט געװאָרן מיט דעם אַש פון אַ האַרץ, װאָס פאַרצערט זיך אַלײן.

אַ נביא פון טרויער, אַז ער איז אויפגעװאַקסן, האָט אים זײַן װעג געפירט צו זײַן גאָט; און אַ נביא פון געלעכטער האָט געמוזט בײַקומען דעם שװערן נסיון, ביז ער איז געהײליגט גע־װאָרן צו זײַן פאַר דעם גאָט פון געלעכטער.

נאָר װײ איז צו דעם נביא פון געלעכטער, װאָס האָט אײנמאָל אין לעבן געזעהן דעם גאָט פון טרויער, און װײ איז צו דעם נביא פון טרויער, װאָס דאָס פּנים פון דעם פרעמדן גאָט איז פאַר אים אַנטפּלעקט געװאָרן. גרויס איז געװען זײַן זינד אַנטקעגן זײַן גײַסט, און די זינד האָט קײנמאָל נישט געקאָנט אָפּגעװישט װערן. פאַרװאָגלט איז ער געװען אויף דער ערד און פאַרשטויסן און פאַרשאָלטן אויף אַלע װעלטן.

אַלע האָבן דאָס געװאוסט.

II

און אַז די מוטער פון ראַיאַ־מאַגאַ, אַ פרומע פרוי און רײַך מיט מעלות, איז מיט אים טראָגנדיג געװאָרן, איז צו איר געקומען אַ געטליכער מאַן איר אָנצוזאָגן די בשורה, אַז אַ נביא איז אין איר בויך.

און דער געטליכער מאַן האָט געזאָגט: אַ קלײן װאָלקענדל זעה איך אויפגײן אויף דײַן קלאָרן הימל, און אַ שװאַרצן פלעק זעה איך אויף דײַן גליק רוהען, דו פרומע פרוי און רײַכע מיט מעלות, נאָר קײן באַשײד װײס איך נישט.

און זי האָט געבוירן אַ זון, און דאָס קינד האָט געשפּאַנט זיבן טריט פאָראויס און דרײַ צוריק און האָט זיך געבוקט, און אַ קנײטש האָט זיך געװיזן אויף זײַן שטערן. האָבן אַלע געװאוסט, אַז אַ נביא פון טרויער איז געבוירן געװאָרן.

נאָר אַלע האָבן זיך געװאונדערט. אויף די ליפּן פון קינד האָט זיך אין דערזועלבער צײַט באַװיזן אַ קלײנער, קלײנער שמײכל, קוים צו דערקענען.

אַז דאָס קינד איז אַנטוויינט געוואָרן, האָט אים די מוטער געבראַכט צום גאָט פון טרויער, מקריב געווען קרבנות לויטן געזעץ, און דאָס אינגל ראַיאַ־מאַנאָ איז אויפגעצויגן געוואָרן דורך די נביאים און פריסטער צו זיין אַ נביא פון טרויער.

מיט דער צייט אָבער האָט מען דערקענט אין דעם קינד ווילדע סימנים, עס האָט געטראָפן, אַז ער האָט געקניט פאַר דער הייליגער געשטאַלט פון זיין גאָט, און זיינע אויגן זיינען אָפן נעווען איינצוואַפן אין זיך דעם טרויער, וואָס האָט זיך צע־גאָסן פון דעם גאָטס אויגן, און אַ הייליגקייט האָט גערוהט אויף דעם קינדס פנים, נאָר פלוצלינג האָבן זיינע ליפן אַ ציטער געגעבן, און עפּעס אַזוי ווי אַ דינער שמייכל איז אויף זיי דורכגעלאָפן.

דאָס האָט נאָך קיינמאָל נישט געטראָפן, און אין די הייליגע ביכער איז וועגן דעם נישט פאַראַן געשריבן.

האָט מען געשיקט רופן זיין מוטער און מען האָט זי געפרעגט:

— דו פרומע פרוי און רייכע מיט מעלות, דו מאַמע פון נביא! זאָג! צי ביסט דו נישט געווען אין טעמפל פון גאָט פון געלעכטער, וואָס פון דער זייט טייך? ווייל מיר ווייסן נישט, וואָס מיט דיין זון איז, צי וועט ער אַ גרויס גליק אָדער אַ גרויס אומגליק ברייננען די קינדער פון דער ערד.

און זי האָט דערויף געענטפערט:

— ניין. אין טעמפל פון גאָט בין איך נישט געווען, נאָר אַ געטליכער מאַן האָט מיר געבראַכט די בשורה, אַז איך וועל געבוירן אַ נביא, און ער האָט געזאָגט: „איך זעה אַ שוואַרצן פלעק רוהען אויף דיין גליק“.

די פריסטער האָבן אויסגעהערט, האָבן געשאָקלט מיט די קעפּ און האָבן מיט גרויס זאָרג געקוקט אויף דעם אויפוואַקסנ־דינן נביא.

זיי האָבן אים נישט געלאָזט אַרויסגיין אין דרויסן און אָנגעזאָגט האָבן זיי יערן, וועד ס׳רעדט מיט דעם קינד, נישט צו דערמאָנען דעם נאָמען פון גאָט פון געלעכטער פאַר אים, און ער זאָל נישט ווייסן פון דער געטליכער געשטאַלט, וואָס שטייט מיטן פנים געווענדט צו די רוישנדיגע כוואַליעס.

אַזוי איז דאָס קינד אויפגעצויגן געוואָרן, אָפּגעזונדערט און באַהאַלטן פון דער וועלט, אַליין מיט די הייליגע ביכער. און ער האָט דערצויגן זיין האַרץ מיט דעם ווייטיג פון אַלע וועלטן, מיט דעם גרויסן טרויער, וואָס איז אין אַלעם לעבעדיגן און אין אַלעם טויטן, און זיין קול איז געוואָרן פון טאָג צו טאָג מער גע־לויטערט און האָט ציטעריג זיך געגאָסן, אַזוי ווי די טענער פון אַ האַרפע, וואָס שווימען דורך אַ פינסטערער נאַכט פון ערגעץ ווייט, ווייט.

נאָר קיין רוה האָט ער נישט געפונען, דער יונגער נביא. און עס האָט געטראָפן, אַז ער פאַרטיפט זיך אין געדאַנקען, און אים באַוועלטיגט דער גרויסער טרויער פון דער וועלט, און זיין נשמה צעגיסט זיך אין ווייכע ווייסע טענער, און די שכינה פון טרויער הויבט אָן צו רוהען אויף אים און שיינט אַראָפּ פון זיין געלייטערט פנים, נאָר פלוצלינג ציטערט עפּעס אַ ווילד פרעמדע סטרונע אין זיין האַרץ, אים דוכט זיך, אַז ער האָט ערגעץ געזעהן לאַכענדיגע אויגן, אַ שפּאָטיש געזיכט און עפּעס אַ פרעמדע אומ־באַקאַנטע וועלט. וואו האָט ער געזעהן די אויגן? ווען האָט ער געלעבט אין יענער וועלט? און וואָס באַטייט דאָס אַגען פון זיין האַרץ? און פון וואַנען קומט ער? און וואָס טוט ער דאָ און וואָס זוכט ער?

אַ קורצע ווילע האָט ער אַזוי געטראַכט, נאָר די רוהיגקייט פון זיין האַרצן איז פון אים אָפּגעטאָן געוואָרן אויף גאַנצע טעג און וואָכן.

און טיילמאָל האָט אַ פלוצלינגע גרויסע שרעק איבערגעריסן זיין שלאָף באַנאַכט; זיין האַרץ האָט האַסטיג געקלאַפּט. דעם נאָט פון געלעכטער האָט ער געזעהן אין חלום און ער האָט זיך געשראָקן פאַרן פנים, און זיין האַרץ האָט דאָך געצויגן צו אים, און די נשמה זיינע האָט געבענקט נאָך אים.

איין אַמאָל באַנאַכט, אַז ער האָט זיך אויפגעכאַפּט אַזוי אין זיין גרויסער שרעק, האָט ער אויפגעוועקט דעם עלטסטן פון די פריסטער און האָט פאַר אים געעפנט זיין האַרץ:

— פאַרטיפט אין געדאַנקען פון גרויסן טרויער בין איך איינ־געשלאָפן — האָט ער דערציילט — נאָר אין חלום האָט זיך צו

מיר באַוויזן אַ גרייז־גראָהער מאַן, אַזוי רוהיג איז ער געווען, שפּעטיש, און געלעכטער פול... און ער האָט אויף מיר געקוקט מיט זיינע אויגן...

— וואָס פאַר אַ אויגן זיינען דאָס געווען? — האָט דער אַלטער באַדינער פון נאָט געפרעגט.

— גוטע, טיפע און פול פרירן און פול רוהיגקייט... און אַ שפּאָט, אַזאַ גרויסער שפּאָט איז געלעגן אין זיי... און אויף די ליפּן אַ געלעכטער... אַזאַ געלעכטער, וואָס נעמט דורך אַ מענשן... איך שרעק מיך, הייליגער מאַן! אַ בייזער גייסט פּלאָגט מיך, העלף מיר, געטליכער מאַן.

איז דער אַלטער אויפגעשטאַנען פון זיין געלעגער אין מיטן דער נאַכט, האָט צוגעפירט דאָס אינגל צום פייער, וואָס ער האָט אָנגעצונדן, און האָט לאַנג באַטראַכט זיין פּנים, ביז ער האָט דערזעהן צוויי קליינע, דינע געלעכטער־קנייטשן פון ביידע זייטן פון זיין מויל.

„שרעקליך!" האָט ער געטראַכט באַ זיך אין האַרצן, נאָר דעם אינגל האָט ער גאָרנישט געזאָגט; נישט ער האָט אים געטרייסט און נישט ער האָט געפּרובט צו שטילן זיין אַנגסט.

III

איינמאָל איז ראַיאַ־מאַנאָ געווען אַליין באַטאָג צווישן די ליידינע דיקע פיר ווענט פון טעמפּל און האָט צוגעזונגט זיין אויער צי הערן, ווי די כוואַליעס רוישן אין דרויסן. געדוכט האָט זיך, אַז אין דרויסן געשיט עפּעס אַ ווילטינע זאַך; שיפלאַך קומען און גייען אָפּ; אים האָט זיך געדוכט צו הערן אַזוי ווי אַ רודערן פון פיל שיפלאַך און טריט פון מענשן, וואָס שפּרינגען אַרויס פון וואַסער אויף אַ האַרטער מאַרמאָרנער מויער. דער אַלטער לערער זיינער איז דעם טאָג געווען באַטריבט, און מיט אַ שטאַרקער זאָרג האָט ער געקוקט אויף דעם אינגל.

„היינס וועט עפּעס געשען“, האָט ער געטראַכט, נאָר דעם אַלטן האָט ער גאָרנישט געזאָגט און גאָרנישט געפרעגט. פון יענער נאַכט אָן זיינען זייערע הערצער פאַרפרעמדט געוואָרן איינס צום צווייטן. דער יונגער נביא האָט מער נישט אויסגע־רעדט, וואָס בּאַ אים אויף דער נשמה, פאַר דעם אַלטן, און אויך דער אַלטער האָט מער נישט געשמועסט אַזוי פאַרטרויט ווי פריהער מיט אים; נישט ער האָט אים געקושט ווי אַמאָל, נישט ער האָט געגלעט זיינע לאָקן מיט זיין ציטערינגער אַלטער האַנט, און היינט זיינען זיי זיך געשטאַנען נאָך מער פרעמד, נאָך מער ווייט איינער פון אַנדערן.

און בּאַנאַכט איז ראַיאַ־מאַנאָס שלאָף פאַרוואָגלט געוואָרן, האָט ער אָנגעשטריינגט זיין געהער אויפצוהאָרכן יערן קלאַנג, יערן מינדסטן ריר פון דרויסן. דורך דער לאַנגער צייט, וואָס ער איז דאָ אויפגעוואַקסן געוואָרן און איז געווען אַליין מיט די פיר ווענט, מיט זיין איינענעם גייסט און מיט די הייליגע בּיכער — זיינען זיינע אויערן פאַרפיינערט געוואָרן אויפצוכאַפּן דעם לייכסטן ווידער־קול פון דערווייטן, כאָטש דיק און פעסט זיינען געווען די ווענט. און געאַנט האָט ער, אַז דאָס פאָלק אין דרויסן ריכט אָפּ איצט אַ גרויסע דינסט צו אַ גאָט, וואָס ער ווייס נישט און קען נישט. און קענן האַלבּער נאַכט איז שטיל געוואָרן דאָס גערודער אין דרויסן, און ראַיאַ־מאַנאָן האָט זיך געדוכט צו זעהן, ווי אַ גרויסע מענגע זינקט אַנידער אויף די קני און בּעט אַ שטיל געבּעט. און נאָך דער שטילקייט האָבּן טענער פון הייליגע גע־זאַנגען גענומען ציטערן אין דער לופט. איינמאָל אין יאָר פלעגט אַזאַ דינסט אָפּגעריכט ווערן אויך דאָ, צום גאָט פון טרויער, און אויך דעמאָלט האָט מען געקניט בּיז האַלבּער נאַכט, און דערנאָך האָבּן געזאַנגען אונטערגעבּראָכן די שטילקייט. נאָר גאָר אַנדערש זיינען געווען די געזאַנגען, וואָס ער האָט איצט געהאָרכט, פון יענע, וואָס זיינען דאָ געזונגען געוואָרן. פון אַנדערע קוואַלן האָבּן זיי געשטאַמט און צו אַנדערע ימים זיינען זיי געפלאָסן. נישט יענע געזאַנגען זיינען דאָס געווען מיט די אויסגעצויגענע טע־נער, די גלייכע און שטייפע, וואָס זיינען ווי פאַרגליווערט געוואָרן אין זייערע גרעניצן. איצט האָבּן זיי געשטיפט, געלאָפן און

געיאָגט איינער דעם אַנדערן און האָבן זיך פאַרוויקלט און אויפ־געוויקלט אין טאַנץ פון אַ צעהוליעט געמיט, און אַ שטערן צו אַ שטערן האָט געוואונקען, און די זון צו דער לבנה האָט געלאַכט אין די נייע מעלאָדיעס.

און דער יונגער נביא האָט צוגעפּרעסט זיין אויער צו דער וואַנט, און זיין גייסט האָט דורשטיג געטרונקען די נייע געזאַנגען. עפּעס אַ מין שכּרות האָט געשטעקט אין זיי, וואָס האָט בּאַרוישט און האָט פּאַריאָגט דעם גרויסן טרויער, און האָט זיך איינגעזאַפּט אין גייסט, אין יעדע איינציגע צעלע פון דער נשמה און האָט זי צעלעגט און פאַרדאָרבן. נאָר זיס איז געווען דער גיפט! אַן אָפּקלאַנג פון נייע וועלטן האָט ער געבּראַכט מיט זיך, און אַ טרייסט און אַ גוטן צוזאָג פאַר דער צעשטערונג, וואָס ער צעשטערט. אַזוי איז ראַיאַ־מאַנאָ געשטאַנען אַ גאַנצע נאַכט און געהאָרכט אָהן אויפהער.

און קענן פריהמאָרגן, ווי נאָר דער הימל איז בּלאָס געוואָרן אויף מזרח־זייט, האָבן די געזאַנגען אויפגעהערט, און אַ שווערע שטילקייט האָט זיך געלעגט אויף אַלץ אַרום. רעמאָלט איז אַ גרויסע שרעק בּאַפאַלן דאָס קינד, אַליין איז ער געבּליבּן מיט זיין פאַרוויסטער צעשטערטער נשמה, ער האָט אויסגעבּראָכן אין אַ גרויס געוויין, און די שיינע לאָקן פון זיין קאָפּ האָט ער געריסן מיט זיינע הענט פון גרויס ווייטיג.

— וואָס איז דיר? — האָט דער אַלטער געפרעגט דערשראָקן.

— איך האָבּ געהערט, איך האָבּ אויפגעהאָרכט — האָט ער געשטאַמלט — אַ גאַנצע נאַכט. אַ יום־טוב איז געווען אין דרויסן, אַ יום־טוב פון אַ גאָט, וואָס איך ווייס אים נישט... מיין האַרץ איז פאַרוויסט, מיין נשמה — צעשטערט, זאָג, אַלטער, זאָג מיר, וואָס בּאַטייט דאָס, וואָס האָבּ איך געהערט, ווייל מיין אַנגסט איז גרויס, און איך וועל שטאַרבן פון איר.

—וואָס האָסטו דען געהערט? — האָט דער אַלטער איבּער־געפרעגט.

— געזאַנגען האָבּ איך געהערט, הייליגע לידער צו אַ פרעמדן גאָט...

— וואָס פאַר אַ געזאַנגען?

— זיי האָבן געלאַכט, געשפּעט, האָבן געשטיפּט און זיך פאַר־חיקלט אין אַ ווילדן טאַנץ, און טיף אין דער נשמה האָבן זיי איינגעדרונגען זי צו צעשטערן און זי אויף דאָס ניי צו בויען, און איך האָב געהאָרכט, אַ גאַנצע נאַכט אויפגעהאָרכט, און זייער כשוף האָט מיך געפאַנגען. און מיר האָט זיך געדוכט, אַז גאַנצע מחנות פון ווייסע טויבן און גאַנצע מחנות פון שוואַרצע קראָהען פליהען, דרייען זיך איבער מיין קאָפּ אַ גאַנצע נאַכט ביז פריה־מאָרגן... איצט בין איך געבליבן עלנט ,פאַרחיסט, אַליין, פאַר־לאָז מיך נישט, פאָטער מיינער!

דער אַלטער אָבער האָט גאָרנישט געענטפערט, ער האָט אים נישט געטרייסט און האָט נישט גערעדט צו זיין האַרץ צו לינדערן זיין אַנגסט, נאָר ער האָט געשוויגן און געשאָקלט מיט דעם גראָהען קאָפּ.

און ראַיאַ־מאַנאַ איז געפאַלן צו זיינע פיס, געקושט די שטויב פאַר דעם אַלטן און געוויינט און געבעטן:

— פאַרלאָז מיך נישט, אַלטער. זעה: מיין יונג האַרץ קאָן נישט איבערטראָגן די גרויסע לאַסט פון בייגקשאַפט. זעה: מיין אַנגסט פאַרצערט מיך פון טאָג צו טאָג, און דו האָסט דיין טרייסט פון מיר דערוויַיטערט, און חאָכן שוין האָבן ריינע טרוקענע ליפּן מיך נישט געקושט, און דיינע דאַרע פינגער האָבן שוין לאַנג נישט געגלעט די האָר פון מיין קאָפּ, און גרויס איז מיין חייטיג, און איך האָב קיין אויסגאַנג נישט. און דאָרטן, דרויסן, איז אַן אַנדערע וועלט, אַנדערע געזאַנגען. פאַרוואָס פאַרבאָרגסט דו פון מיר די נייע וועלט? וואָס פאַר אַ סוד באַהאַלטסטו, אַלטער, אין דיין האַרץ פון מיר? העלף מיר, הייליגער פאָטער ,העלף! זאָג!

דער אַלטער האָט אים שטיל אויסגעהערט, האָט פאַרלעגט זיינע הענט אויף דער ברוסט און האָט געענטפערט:

— איך קאָן דיר גאָרנישט זאָגן, מיין קינד. אַ גרויס געפאַר שוועבט איבער דיין יונגען קאָפּ, און איך קאָן נישט העלפן.

IV

און עס איז אָנגעקומען די צייט, ווען ראַיאַ־מאַנאַ האָט מער נישט געקאָנט באַוועלטיגן זיין פאַרביינקט האַרץ. באַנאַכט האָט ער שטיל פאַרלאָזט די פיר ווענט און האָט זיך אַרויסגע־גנבעט אין דרויסן, באַהאַלטנדיג זיך אַזוי, ווי אַ גנב אָדער אַ פאַרברעכער. מיט דער פולער ברוסט האָט ער איינגעאָטעמט די פרישע לופט, און זיינע אויגן האָט ער דערהויבן צו דער טיפער בלאָהקייט פון הימל, צו די שאַרן פון גרויסע און קליינע שטערן און צו די פאַרנעפּלטע פלעקן פון דעם מילך־פאַס אין הימל, און ער האָט זיי געזעהן, נאָר זיין גייסט האָט זיי נישט אויפ־גענומען, און ער האָט זיי נישט איינגעוועבט אין דעם געוועב פון זיין נשמה. פרעמד, אָפּגעזונדערט און נישט־געבונדן איז אים אַלץ אויף דער וועלט געוואָרן, זינט דער וואָרעם פון צווייפל האָט גענאָגט זיין האַרץ. אַ גאַנצע נאַכט איז ער געגאַנגען אַרויף און אַראָפּ מיט דעם ברעג פון היילינן טייך גאַנגוס, און יענע פרעמדע געזאַנגען האָבן געקלונגען אין זיין נשמה. און באַ דעם ערשטן שיין פון פריהמאָרגן האָט ער דערזעהן דעם טעמפּעל, וואָס זיין טויער איז אָפן צום וואַסער צו, און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָ איז די וואוינונג פון דעם פרעמדן גאָט.

און אַ נאַכט דערנאָך האָט ער זיך שוין געלאָזט מיט אַ שיפל אויף די רוישנדע כוואַליעס און איז בשלום צוגעקומען צום טויער. מיט אַ ציטערינגער האַנט האָט ער אַראָפּגענומען דעם שלייער פון דער היילינגער געשטאַלט, און פאַר זיינע אויגן האָט זיך אַנטפּלעקט דער גאָט פון געלעכטער, וואָס איז געשטאַנען רוהיג און האָט אָנגעקוקט דאָס קינד מיט זיינע לאַכעדיגע אויגן. אַ גרויסע אַנטציקונג איז באַפאַלן דעם יונגען נביא, און ער איז געפאַלן אויף די קני און אַרומגענומען מיט זיינע הענט די פיס פון דעם היילינן גאָט. אָט דאָס האָט ער דאָך אַזוי לאַנג געזוכט, די געשטאַלט האָט זיך דאָך צו אים באַוויזן אין חלום! און אַזוי, ווי אַ מענש, וואָס מען האָט אַראָפּגעריסן אַ הייטל פון זיינע אויגן צו זעהן די ליכטיגע וועלט, אַזוי איז ראַיאַ־מאַנאַן איצט

אויפגעגאַנגען אַ נייע ליכטיגקייט און אַ נייע וועלט. אין דעם הייליגן פּנים, אין די קנייטשן פון זיין שטערן איז שוין פאַרזאַמלט געווען דער גאַנצער ווייטיג פון דער וועלט, דער גרויסער טרויער איז געווען אין זיי, נאָר זיי זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין גע־לעכטער. דער שמערץ פון דער וועלט האָט אַרויסגעלאַכט פון די אויגן, און דער גרויסער ווייטיג און דער גרויסער טרויער. די גאַנצע וועלט מיט איר נעץ פון פאַרשיירנאַרטיגקייט איז פאַר־וואַנדלט געוואָרן אויף געלעכטער. אַזוי איז ראַיאַ־מאַנאָ געשטאַנען אַ גאַנצע נאַכט און האָט דאָרשטיג געטרונקען דעם געלעכטער, וואָס איז געפלאָסן פון די געטליכע אויגן און האָט פאַרוואַנדלט זיין האַרץ.

און יעדע נאַכט פלעגט ער קומען צו דינען אַליין זיין נייעם גאָט, צו טרינקען פון זיין טיפן קוואַל, און זיין גייסט איז נישט זאַט געוואָרן טרינקענדיג.

איין נאַכט אָבער איז געשען אַ ווילדע זאַך:

ראַיאַ־מאַנאָ האָט געקניט פאַר זיין גאָט מיט לויב און גע־זאַנג, און ער האָט זיך מיט זיין גוף און זיין נשמה באַהעפט צו אים און צוגעצויגן געוואָרן צו אים, אַזוי ווי אייזן, וואָס ציהט זיך צום מאַגנעט, און ער האָט געקושט דאָס הייליגע בילד און אַרומגעוויקלט זיינע הענט אַרום אים, און דאָ האָבן זיינע הענט דערשפּירט, אַז אויך פון דער צווייטער זייט איז דאָס בילד דאָס זעלבע. פּאַמעליך איז ער אַרומגעגאַנגען און געבליבן שטיין פון דער צווייטער זייט און האָט דערזעהן — די באַקאַנטע געשטאַלט פון גאָט פון טרויער. שרעקליך איז דאָס געווען צו זעהן: איין קעפּ־פּער איז דאָס געווען מיט צוויי פּנימער, און די צוויי פּנימער זיינען געווען גלייך: איין אויסזעהן, איין געשטאַלט, נאָר וואָס דאָ האָט דאָס געשטאַלט געלאַכט, און דאָרט — געטרויערט.

און ראַיאַ־מאַנאָ האָט געזעהן, וואָס קיין שום נביא און קיין שום הייליגער פאַר אים האָט נישט געזעהן: ער האָט געזעהן דעם טאָפּלטן גייסט, די געטאָפּלטע פאָרם: דאָס לאַכן און דאָס טרויערן, וואָס פליסן פון קוואַל פון איין איינציגן גאָט.

פון דעמאָלט אָן אָבער איז ראַיאַ־מאַנאָ געוואָרן פאַרוואָגלט אויף דער וועלט, און זיין גייסט האָט נישט געוואוסט מער פון רוה.

אַ נביא איז ער געווען און פֿאַר אַ נביא איז ער געהייליגט געוואָרן פֿון זיין מוטערס בויך, נאָר דאָס פֿאָלק האָט אים נישט געקענט, האָט אים קיין כּבֿוד נישט אָפּגעגעבן און האָט נישט געשעפּט פֿון זיין גייסט.

עס האָט געטראָפֿן, אַז ראַיאַ־מאַנאָ פּרעדיגט פֿאַרן פֿאָלק, זיין פּנים לאַכט, און זיין געשיקטע צונג מאַכט צו שפּאָט און צו געלעכטער די גאַנצע זאָרג און די גאַנצע מיה־זעליגקייט פֿון מענשן און געטער פֿון אַלע צייטן, זיין קול קלינגט אַזוי, ווי דער קלאַנג פֿון אַ זילבערן גלעקל, און דער ווייטיג לאַכט, און דער שמערץ לאַכט. נאָר אין מיטן דערהערט זיך אַן אָפּקלאַנג פֿון גרויסן טרויער, און זיין נשמה צעגיסט זיך פּלוצלינג אין ווייכע פֿאַרבּיינקטע ווערטער... הערט דאָס פֿאָלק און ווייס נישט, וואָס דאָס זאָל באַדייטן.

אָדער ער שטראָפֿט און וועקט די הערצער און קלאָגט זיך אויף דעם מאַטערניש פֿון דעם מענש און פֿון אַלעם לעבעדיגן, און אַזוי ווי די טענער פֿון אַ האַרפֿע, וואָס שווימען דורך דער נאַכט פֿון ערגעץ ווייט, ווייט, אַזוי ציטערט זיין קול ,און דער גרוי־סער טרויער צעגיסט זיך פֿון זיין גייסט, און פּלוצלינג פֿאַרוואַנדלט זיך זיין גייסט, ענדערט זיך דער אויסדרוק פֿון זיין פּנים, און אַ געוויש פֿון געלעכטער פֿאַררעקט דעם טרויער... הערט דאָס פֿאָלק און ווערט בייז, וואָס די שיינע מעלאָדיע איז איבערגעריסן געוואָרן, אויף דעם נביא, וואָס קאָן נאָר שפּאַלטן די גייסטער.

— דאָס איז קיין נביא נישט, נאָר אַ משוגענער — האָט דאָס פֿאָלק געזאָגט.

און אַז ער האָט אויפֿגעהויבן זיין קול צו רייזן, האָבן די קינדער פֿון אים געשפּעט און באַוואָרפֿן אים מיט שמוץ.

איז ער אַנטלאָפֿן, דער נביא, פֿון ישוב און מיט די אַסקעטן אין דער מדבר האָט ער געוואוינט און ער האָט, ווי זיי, געפּייניגט און געלייטערט זיין גוף, און גאַנצע טעג פֿלעגט ער קוקן אָהן אויפֿהער אויף דער בּרענענדיגער זון, כּדי די אויגן זאָלן אים שמערצן, ער זאָל זיך געוויינען איבערטראָגן אַלע פּיין שטום און געדולדיג, אַזוי ווי די אַסקעטן לערנען, נאָר אַ הייליגער איז ער נישט געוואָרן. אין מיטן פֿון זיין אַסקעטריי איז אים באַפֿאַלן

דער גײסט פֿון געלעכטער, און קוקנדיג צו דער זון, האָבן זײַנע פֿאַרװײטיגטע אויגן געלאַכט פֿון שמערץ, פֿון דער װעלט, פֿון אַסקעטערײַ.

און צו די נביאים פֿון געלעכטער איז ער געגאַנגען און עס האָט אים נישט געהאָלפֿן. װײַל אין מיטן לאַכן איז אים באַפֿאַלן דער גײסט פֿון טרויער, און זײַן קול האָט אָנגעהויבן ציטערן און בײַנקען.

אַזוי האָט ראַיאַ־מאַנאָ אָפּגעלעבט זײַנע יאָרן, מיט קײנעם נישט באַהאָפֿטן, אָהן פֿרײַנט און געליבטע, עלנט און פֿאַר־לאָזט, געיאָגט און געלעסטערט פֿון די יונגען פֿון דער גאַס.

ער האָט געזעהן די טאָפּלטע געשטאַלט און איז זײַן גאַנץ לעבן אָפּגעקומען פֿאַר זײַן זינד.

און אַז ער איז געשטאָרבן, האָט מען אים נישט באַקלאָגט און מען האָט אים נישט באַגראָבן צװישן די נביאים, און מען האָט נישט דערמאָנט זײַן נאָמען צום גוטן. נאָר אײן קלוגער מאַן האָט דערמאָלט געלעבט אין לאַנד, װאָס האָט באַרײזט פֿיל לענדער און האָט געזעהן פֿיל פֿעלקער און געזאַמלט אומעטום װיסנשאַפֿט, און ער האָט געזאָגט:

— ניט אָפּ כּבֿוד דעם נאָמען פֿון ראַיאַ־מאַנאָ. ער האָט געטראָגן דעם גרעסטן װײטיג פֿון גײַסט.

אַ פֿלוצלינגע עלטער

דער לעצטער װינטער האָט אָנגעװאָרפֿן אויף די טאָשלינער אײנװאױנער אַ גרױסע מרה־שחורה. אַלע װעגן אַרום דעם קלײנעם שטעטל זײַנען געװען פֿאַרװאָרפֿן מיט שניי, און די בעלי־עגלות פֿלעגן אָפֿט אַראָפּ פֿון װעג און בלאָנדזשען. אויף די דערפֿער, האָט מען דערצײלט, פֿאַלן באַנאַכט אָן הונגעריקע װעלף און צערײַסן, װעמען זײ טרעפֿן. עפּעס אין אַ װאַלד האָבן גזלנים דערהרגעט דעם שרײַבער מיט דער גאַנצער פֿאַמיליע. פֿױערים האָבן זיך געפֿױלט צו קומען אין שטאָט אַרײַן, די געשעפֿטן זײַנען געשטאַנען, עס איז געװען טויט און טרויעריק.

שװערער פֿאַר אַלעמען האָט דער װינטער געטראָפֿן שמואל קאָצקער. צו הונגער און קעלט איז ער אַפּילו געװען געװױנט. אין זײַנע גאַנצע זיבעציק יאָר האָבן זיך געפֿונען נאָר װײניק טעג, װען ער האָט נישט געװאָלט ברויכן אַ גילדן־צװײ זעהר נױטיק. געװען איז ער אַ שרכן, נאָר קײן שרוך, אַזױ רעדט מען אין „שטיבל“, האָט ער נאָך צײַט ער לעבט נישט אױסגעפֿירט; דערפֿאַר האָט ער בײַ יערן שרוך געכאַפּט עפּעס. װען אַ שרוך האָט שוין געהאַלטן בײַם אױסגעפֿירט װערן, װען אין שטיבל האָט מען שוין פֿון אים גערערט אָפֿן, איז שמואל דעמאָלט צוגעגאַנגען צו אײנעם פֿון די מחותּנים, האָט אים אַװעקגעפֿירט אין אַ זײַט און האָט אים אײַנגערוימט אַ סוד אין אויער — דעמװעלבן שרוך, װאָס האָט שוין געהאַלטן אױסגעפֿירט צו װערן. דער מחותּן, אױב ער איז נאָר נישט געװען קײן גרױסער נאַר, האָט פֿאַרשטאַנען, אַז מען ברויך צו שװײַגן און האָט געשװיגן. דערנאָך האָט מען געװאָוסט, ברויך מען שמואל קאָצקער צו געבן אַ רובל־צװײ,

און ער ברויך צו שרײַען, צו זידלען, צו שעלטן, אַז מען רײַסט אים אויס. און צו שרײַען, זידלען און שעלטן זײַנען אַלע שוין געװען צוגעװײנט. דער נבֿאַי פֿון שטיבל, באַ װעמען שמואל האָט גענומען „כּוללות", איז שוין אַזוי געװײנט געװען צו הערן זיך שעלטן פֿון שמואלן, אַז עס האָט אויף אים שוין גאָר קײן אײַנדרוק נישט געמאַכט: ער פֿלעגט שטײן און רײדן מיטן װײַב װעגן מסחר, און שמואל פֿלעגט דערבײַ שעלטן, װאַרפֿן זיך, קלאַפּן אין טיש אַרײַן און מאַכן געװאַלדן, אַז ער איז אַ איד אַ חסיד, אַ קאָצקער חסיד, אַז דרך־ארץ זאָל מען האָבן פֿאַר אים, און — גאָרנישט. ער האָט צום סוף צוגענומען די צװײ גילדן און איז אַרויס־געגאַנגען. דאָך ער אַלײן, שמואל קאָצקער, איז מיט דעם שעלטן נישט געװײנט געװען. יעדעס מאָל האָט ער זיך געפֿילט באַלײדיגט נאָר אויף ס'נײַ, איז געװאָרן אויפֿגערעגט און האָט געזידלט און קולות געמאַכט מיטן גאַנצן האַרצן... און אַזוי, אָדער כּמעט אַזוי, שטענדיג אויפֿגערעגט, שטענדיג מלחמה האַלטנדיג מיט אַלע און קעגן אַלע, האָט ער דערלעבט ביז זיבעציג יאָר, נישט װיסנדיג, אַז ער װערט אַלט, אַז ער לעבט בכלל... אינגאַנצן האָט דאָס אויסגעזעהן עפּעס װי אַ פֿאַרברײטן זיך, עפּעס אַ איבערקומעניש, כּדי אָנהויבן צו לעבן, — ביז צום לעצטן װינטער, װען ער איז געװאָרן שװאַכער און קעלטער. דערצו איז מען פּלוצלינג געװאָר געװאָרן, אַז ער איז אַלט זיבעציג יאָר.

דאָס איז געװען בשעת דער זון זײַנער איז געשטאַנען צום פּריזיװ, און אין פּריסוטסטװע האָט מען אויסגערופֿן בפּירוש: „שמול יאַנקעליעװיטש סיעמדיעסאַט ליעט". די גאַנצע שטאָט איז געװאָר געװאָרן דעם סוד, װאָס שמואל האָט באַהאַלטן פֿון זיך אַלײן, און די איבערראַשונג פֿון דעם נײַעס איז געװען אַזוי גרויס, אַז מען האָט אומעטום גערעדט און געשמועסט נאָר דערפֿון. קײנעם האָט נישט געקאָנט אײַנפֿאַלן, אַז דאָס גיכע פֿלינקע אידל מיט דעם קלײנעם בערדל, װאָס מען קאָן דערויף נישט זאָגן, צי ס'איז גראָה, צי ברודיג נאָר אָהן שום קאָליר, אַז אָט דער שמואל, װאָס אײַלט זיך שטענדיג און לויפֿט שטענדיג, און קריגט זיך, און הערט קײן מנוס נישט אויף צו רודערן —

איז שוין אַ בן־שבעים, אַ איד אַ זקן, פאַר וועמען מען וואָלט איינגטליך געבּרויכט צו האָבּן דרך־ארץ.

— אַזוי, שמואל? דו בּיסט שוין, קיין עין־הרע, אַ איד אַ זקן? אר־וואַ! — האָט מען אים בּאַגעגנט אין שטיבּל.

— אַ מעשה! אָבּער אַ מעשה! — האָט מען זיך נעחרושט פון אַן אַנדערער זייט, — מען בּרויך זיך נאָר אויפצושטעלן פאַר דיר!

און וואו ער איז געגאַנגען, האָט מען אים אַלץ בּאַגעגנט מיט אַזעלכע פראַגעס. שמואל האָט געפּרובּט צו שמייכלען, נעענטפערט נישט צו רער זאַך און האָט גערעכנט, אַז בּאַלר וועט מען דערין פאַרגעסן, און אַלץ וועט זיין ווי פריהער. ער האָט אָבּער אַ טעות געהאַט.

אַז מען האָט אים נעזעהן לויפן איבּער דער גאַס, האָט מען זיך נעחרושט און אונטערגעבּרומט „קיין עין־הרע, אַ איד אַ זקן“; אַז ער האָט געשריגן און נעזידלט אַלע, האָט מען אים דערמאָנט זיינע זיבּעציג יאָר, און אַז מען האָט בּאַמערקט, אַז ער וויל דערפון נישט ריירן, האָט מען זיך נעוויצלט אויף זיין חשבּון:

— וואָס איז די חרפּה? — האָט אַמאָל אין שטיבּל זיך אָנגערופן מיט אַ שמייכל איינער אַ קעסט־יונגערמאַן, אַ גרויסער שטיפער — וואָס איז די עולה, מיינסטו, שמואל? נאָר דאָס בּערדל דיינס איז עפּעס נישט גראָה, אָט דאָס איז אַ קשיא!

און ער האָט אָנגענומען שמואלן פאַרן בּערדל אויפן חסידישן שטייגער.

אַן אַנדערש מאָל און בּאַ אַנדערע געלעגנהייטן וואָלט שמואלן נישט איינגעפאַלן זיך צו פילן בּאַליידיגט: איצט אָבּער האָט דאָס אים געבּראַכט שרעקליך אין כּעס אַריין, און ער האָט געשריגן:

— שיינעץ! פּושע־ישראל! אַ איד אַ למדן, אַן אַלטן חסיר! וואָס מיינסט דו דאָס דיר?! מיך — פאַר דער בּאָרד?! פעטש וועסט דו קריגן! אַרויס פון שטיבּל, אַרויס, שיינעץ!

און די מעשה וואָלט זיך אַוראַי געענדיגט מיט פעטש, ווען מען זאָל שמואלן נישט אָפּהאַלטן מיט כּח. — עס איז געבּליבּן,

אַז דער יונגערמאַן זאָל שטעלן פאַר אַ קנס בראַנפן, און באַם לחיים טרינקען האָט מען שמואלן געוואונשט אַ גוטע עלטער.

אָט אַזוי האָט שמואל דעם ווינטער פּלוצלינג דעם קוראַזש פאַרלוירן און האָט זיך קיין אָרט נישט געקאָנט געפינען. אַלעס איז געוואָרן עפּעס אַנדערש; מען האָט מיט אים גערעדט אויף אַן אַנדער אופן, ער האָט אַנדערש געענטפערט; יונגעלייט האָבן אים אָנגעהויבן צו אירצן; דער גבאַי פון כּוללות האָט שוין נישט געשוויגן, ווען שמואל האָט געזידלט און געשריגן; אַדרבה, ער האָט אים געפּרובט איינצונעמען מיט ווייכע רייד:

— וואָס קאָן מען טון, ר׳ שמואל? ס׳איז דאָך נישטאָ פון וואַנען? אַ איד ווי איר, פאַרשטייט דאָך אַליין.

די רייד האָבן אָבער צו שמואלן גאָרנישט געפּאַסט, ער איז נישט געוויינט געווען צו ענטפערן אויף זיי, און ער האָט בשום אופן נישט געקאָנט אַריינגיין אין די ראָלע פון אַ איד אַ זקן, און האָט זיך געפילט ערגער און טרויעריגער פון טאָג צו טאָג. די פיס זיינע האָבן אים אַלץ נאָך געטראָגן געשווינד, ער האָט געוואָלט אײַלן, לויפן און שרייען, ווי געוויינליך, אין מיטן אָבער האָט אים איבערגעשלאָגן דער געראַנק, אַז ער איז אַ איד אַ בן־שבעים, און ער האָט דעם מוט פאַרלוירן. די פיס און די הענט זיינען אויף דעם געראַנק ווי מיד און פויל געוואָרן, דאָס קול נידעריגער, און ער האָט שווער אָפּגעזויפצט.

— ווען און וואו האָט ער דאָס אָפּגעלעבט זיבעציג יאָר? — האָט אים נישט אויפגעהערט צו נאָגן אַ געראַנק אין קאָפּ. — האַ, לאָמיך זיך נאָר דערמאָנען.

נאָר דערמאָנען זיך האָט שמואל נישט געהאַט וואָס, חוץ נויט, קעלט, געשרייען פון קליינע קינדער, צרות פון די דערוואַקסענע, קללות פון זיינע צוויי ווייבער, וואָס זיינען שוין ביידע געשטאָרבן, שטענדיגע געשרייען און לויפן און איילן צו זוכן אַ גילדן, און אַפילו אויף עולם הבא, דעם אמת זאָגנדיג, ווייניג געזאָרגט.

אין די לאַנגע ווינטער־נעכט האָט ער געפּרובט צו עפענען אַ גמרא, און איז געוואָר געוואָרן אַ שרעקליכן סוד: ער האָט פאַרגעסן אָרער גאָר קיינמאָל נישט געקענט לערנען.

און דער ווינטער איז געלעגן אויפן שטעטל ווי אַ שווערע משא. קיינער האָט זיך מיט שמואלן נישט אינטערעסירט, קיינער האָט נישט באַמערקט, אַז זיין פּנים ווערט פון טאָג צו טאָג געלער, און דער גוף — געבוינענער. ער האָט שוין אָנגעהויבן צו בעטן אַ צענער אויף אַ וועטשערע, שטיל, געלאַסן, און שטיל געלאַסן האָט מען אים אַ סך מאָל אָפּגעזאָגט. ער האָט זיך נאָך געפּרובט צו בייזערן אויפן אַלטן שטייגער, נאָר די ווערטער האָבן זיך נישט געקלעפּט, און מען האָט אויף אים מאָרגע געקוקט. פיל נעכט איז ער אַהיים געקומען הונגעריק, אין שטוב איז געווען קאַלט מוראָריג, און די שווערד פון מלאך־המות האָט געפּאָכעט אין דער לופט.

און איין פריהמאָרגן איז שמואל נעלם געוואָרן פון שטאָט. נעגאַנגען אויף דער עלטער אָפּריכטן גלות.

ה. ד. נאָמבערג / געזאַמלטע ווערק

א נייע אויסגאַבע פון אלע ווערק.

◆

ה. ד. נאָמבערג / די משפחה

(אין פיר אַקטן)

א בילד פון די טיפע קאָנפליקטן אינם יידישן משפחה־לעבן, פון די פארשיידענע אינעווייניגע שפּאלטונגען, וואָס דער נייער אייראָפּייאישער געדאנק האָט גורם געווען, אריינקומענדיג אין דער יידישער גאַס.

◆

ח. נ. ביאַליק / שירים

אויף יידיש

(לידער און פּאָעמען)

א נייע אויסגאַבע מיטן נייסטן מחברס פּאָרטרעט. אייניגע לידער זיינען אויף ס'ניי באארבעט פונם מחבר.

◆

פר. מאַרקוס־שאַליט / מענשעלאַך און סצענעס

16 גראַפישע צייכענונגען צו שלום־עליכםס בוך: „מאָטל פּייסע דעם חזנס".

באַלייט־וואָרט — בעל־מחשבות (ד"ר י. עליאשעוו)

די דאָזיגע צייכענונגען זיינען דער ערשטער געלונגענער פּרוב א טייל פון שלום־עליכםס וועלטל פאָרצושטעלן אין דער גראַפישער קונסט. שלום־עליכםס ווערק זיינען די דאנקבארסטע אויסגאַבע פאר א גאָט געבענשטן גראַפיקער. די צייכענונגען זיינען נישט קיין פּשוטע אילוסטראַציעס צו שלום־עליכםס בוך, נאָר זיי העלפן דעם לעזער דורכן קינסטלערס צייכענונגען טיפער אריינדרינגען און פארשטיין זיין וועלטל.

יחזקאל קאַטיק / מיינע זכרונות

(פיר בענד)

מיר ברייִנגען דאָ אייניגע אויסצוגן פון שלום־עליכמס א בריוו צו י. קאַטיק:

...איך האָב גענומען לייענען אייערע „זכרונות". און וואָס זאָל איך זאָגן? איך געדיינק שוין ניט דאָס יאָר, וואָס איך זאָל אזוי פיל הנאָה האָבן, אזוי פיל תענוג — אמתער תענוג רוחני! דאָס איז ניט קיין בוך — דאָס איז אן אוצר, א גאָרטן, א גן־עדן, פול מיט בלומען און מיט פויגלגעזאנג. עס האָט מיר דערמאָנט מיין יוגנט, מיין משפחה, מיין חדר, מיינע ימים־טובים, מיינע חלומות, מיינע טיפּן, ניין! איך מיט מיין בּינטל טיפּן און בּילדער, וואָס כ'האָב א סך פון זיי געקענט און א סך אויסגעטראכט, בּין איך, זאָג איך אייך אָהן שום חניפה אָדער פאלשע עניוות, — אקעגן אייך אן אָרים יינגל, א קבצן! מיט אייערע איבערלעבונגען און אייער משפחה וואָלט איך בּיז איצט די וועלט פארפלייצט! געוואלד, וואו זענט איר געווען בּיז אהער? א מענש פארמאָגט אזוי פיל בּריליאנטן, דימענטן און פּערל און גאָרנישט! א ייד נייט ארויס און „קלייבּט רענדלאך" און זאָל עס אפילו דערמאָנען עמיצן, אז עס געפינט זיך בּא אים אזא אוצר! איך האָב גע־נומען לייענען און ניט געקאָנט שוין אָפּרייסן זיך, שיער ניט משוגע געוואָרן!

...וואָס מיך האָט פארכשופט אין אייער בּוך — איז דער הייליגער פּשוטער אמת, ניט געקינצלטע פּראָסטקייט. היינט די שפּראך? ניין, איר זענט ניט נאָר א גוטער ערליכער, געטרייער שומר פון א רייכן, אומגע־הויער רייכן אוצר — איר זענט א טאלאנט פון גאָט געבּענטשט מיט א נשמה פון א קינסטלער, וואָס קען זיך ניט.

...מען דארף דאָך האָבּן א כּח, מען זאָל מיך ניט נאָר מאכן לאכן (פאראן בּא אייך ערטער, וואו איך האָב זיך געהאלטן בּא די זייטן לאכנ־דיג), נאָר אויך ציהען בּא מיר טרערן. איך שווער אייך בּהן שלי, אז איך האָב געוויינט גלייך מיט אייך אלע, בּעת אייער זיידע האָט אייך אלעמען געבּענטשט ערב יום־כּפּור און בּעת אייער באָבּע די צדקות איז געלעגן אויף דער ערד, און דער זיידע האָט הונדערט מאָל געחלשט. זאָלן מיר אזוי פרייען זיך אינגיכן אויף ישועות ישראל, ווי איך האָב גענאָסן מיט טרערן, און ניט ווייל א מענש איז געשטאָרבּן. רבּ'ש ע! וויפיל מענשן שטארבּן בּכל יום וּבכל עת ובכל שעה!...

...איך בּין בּאמת נרוים בּא זיך, וואָס אונזער נאָך יונגע יידישע פאָלקס־ליטעראטור איז בּאַרייכט געוואָרן מיט אזא בּוך, ווי אייערע „זכרונות". וועט איר אייערע „זכרונות" שרייבּן ווייטער?...

אייער דאנקבּארער לעזער, חבר און תלמיד **שלום־עליכם**

אַהרון איזאַקס אוטאָביאָגראַפֿיע

יידיש — נחום שטיף

אַהרון איזאַק, געבוירן אין דייטשלאַנד אין דער ערשטער העלפֿט פֿון XVIII-טן יאָרהונדערט, דערציילט זיינע לעבנס־זכרונות אין דעם יידיש, ווי מען האָט גערעדט דאַמאָלס אין דייטשלאַנד. ער שילדערט דאָס יידישע לעבן אין מעקלענבורג, לייפּציג און אין אַנדערע קאַנטן פֿון דייטשלאַנד. אַהרן איזאַק איז געווען דער ערשטער ייד, וואָס האָט, אויסוואַנדערנדיג פֿון דייטשלאַנד, באַקומען אַ דערלויבעניש צו וואוינען אין שוועדן. ער האָט נאָכגעצויגן נאָך זיך קיין שוועדן אַנדערע יידן פֿון דייטשלאַנד און זיי געהאָלפֿן זיך באַזעצן דאָרט. ער האָט פֿאַר יידן געעפֿנט „אַ ניי לאַנד" — שוועדן, וואו ביז אים האָבן יידן ניט געטאָרט קיין פֿוס שטעלן. זיין וועג איז געווען ניט קיין גרינגער. ער האָט אויסגעדינט אַלע עבודה־זרהס: לויט זיין פּראָפֿעסיע אַ שטעמפּל־גראַווירער, איז ער געוואָרן אַ סוחר, געהאַנדלט מיט צירונג, מיט גאַלאַנטעריי, אפילו מיט צינן, געווען אויך אַ צושטעלער בא דער אַרמיי (אין שוועדיש־רוסישן קריג). און אַדאַנק זיין זעלטענער ערליכקייט און גרויסער ענערגיע האָט ער זיך סוף כל סוף דערשלאָגן צו אַ גרויס אָנזעהן.

◆

בער באָלעכאָווער / זכרונות

(אַ יידישע און אַ העברעאישע אויסגאַבע)

צום ערשטן מאָל פֿאַרעפֿנטליכט מיט איינלייטונג און הערות פֿון

ד"ר מ. ווישניצער.

אַ יידישער סוחר פֿון XVIII־טן יאָרהונדערט דערציילט זיינע איבערלעבונגען אויף אַ בולטן אופֿן. ער גיט איבער קלאָר דאָס לעבן פֿון אַ קליין יידיש־גאַליציש שטעטל אין זיין צייט, דערציילט די פֿאַרשיידענע צרות, וואָס די יידן האָבן זיך דאַמאָלס אָנגעליטן סיי מצד דער פּוילישער רעגירונג, סיי פֿון ווילדע באַנדעס, וואָס פֿלעגן מאַכן אָנפֿאַלן אויפֿן שטעטל, הרגענען, רויבן, פֿאַרברענען די הייזער וכדומה. בער באָלעכאָווער גיט אַ סך מאַטעריאַל פֿאַרן יידישן היסטאָריקער וועגן דער דאַמאָלדיגער סאָציאַלער און עקאָנאָמישער לאַגע פֿון די יידן און איבער זייערע בילדונגס־פֿאַרהעלטענישן.